# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בשלח (שירה)

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**באה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון באר האמונה

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2023 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## בשלח - שירה


את ישועת ה' - מיר דאַרפן נישט ווייזן דעם בוכ"ע ווי אַזוי צו ברענגען אַ ישועה.............................ב

פרשת המן - זיך מתבונן זיין אין דער לימוד פון די מן...........................................ז

כי קרוב הוא - ווערן אַ 'קרוב' מיט'ן אויבערשטן דורך מאַכן גדרים און סייגים............................ח

מזמור שיר ליום השבת - שבת שירה ..................................................יב

חמשה עשר בשבט - עס קומען אַראָפּ אַלע ברכות אויף דער וועלט.........................................טז

כי גדול היום לאדונינו - אויסניצן דעם טאָג צו מתפלל זיין.........................................יח



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# בשלח - שירה

**את ישועת ה' - מיר דאַרפן נישט ווייזן דעם בוכ"ע ווי אַזוי צו ברענגען אַ ישועה**

**איידער** דער ים סוף האָט זיך געשפּאָלטן, האָבן די אידן געהאַט טענות צו משה רבינו ע"ה, פאַרוואָס ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, זיי אויסצוהרג'ענען ח"ו אין מדבר, ווי די תורה דערציילט אין דער היינטיגער סדרה (יד, יא): 'ויאמרו אל משה, המבלי אין קברים במצרים לקחתנו למות במדבר'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן די אידן געקענט ברענגען אויפ'ן געדאַנק אַזאַ מחשבה, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַליין געזעהן די גרויסע וואונדער, אותות ומופתים, וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן פאַר זיי אין מצרים?

**איז** דער תירוץ, ווייל צוליב די גרויסע בהלה, ווען זיי האָבן געזעהן די מצריים אונטער זיי, און דעם ים פון פאָרנט, האָבן די אידן פשוט פאַרלוירן דעם שכל און געדולד, ווייל זיי האָבן געשפּירט ווי די צרה רוקט זיך אָן חלילה. ווען אַ מענטש ווערט צעטומלט, הערשט אַ געפאַר ער זאָל חלילה פאַרלירן זיין אמונה אין דעם אויבערשטען.

**אויף** דעם האָט משה רבינו ע"ה זיי געענטפערט (יד, יג) 'אל תיראו, התיצבו וראו את ישועת ה' אשר יעשה לכם היום'. דאָס הייסט, שטעלטס ענק אַוועק אויף ענקער פריערדיגן אָרט, און ווערט נישט צעטומלט[א]. געדענקטס דעם באַשעפער וואָס האָט געטוהן מיט ענק גוטס ביז אהער, ווען ער האָט פאַר ענק באַוויזן די

---

**א.** איינע פון די צדיקים האָט דערציילט, אַ איד אַן אָרימאַן האָט געאַרבעט ביים גראָבן זאַמד צו מאַכן דערפון ליים, און ער האָט קוים פאַרדינט אויף ברויט און וואַסער פאַר זיין הויז געזינד. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער אינמיטן גראָבן געטראָפן צווישן די זאַמד אַ טייערן שטיין, און ער איז שנעל אַריבערגעאַנגען צו אַ שמיד, און איהם געפרעגט וועגן דעם שטיין וואָס דער אויבערשטער האָט איהם צוגעשיקט. דער שמיד האָט אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג פאַר דעם טייערן שטיין, און אַריינגערוימט אין אויער פאַר דעם אָרימאַן, אַז דער שטיין איז ווערט אַ 'הון תועפות', נאָר וואָס דען, דאָ, אין אונזער געגנט, איז נישט דאָ דער מענטש וואָס איז אימשטאַנד צו באַצאָלן פאַר דעם שטיין וויפיל עס איז באמת ווערד. ער האָט איהם אַלזאָ געראָטן צו פאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ער וועט אַוודאי קענען טרעפן רייכע מענטשן וואָס וועלן זיין גרייט צו באַצאָלן פאַר דעם שטיין דעם געהעריגן פרייז.

דער אָרימאַן-עושר האָט אָבער געהאַט אַ פּראָבלעם... לעת עתה, האָט ער דאָך נישט פאַרמאָגט אַפילו געציילטע פּרוטות, צו פאָרן פון זיין הויז צום פּאָרט פון וואו די שיפן טוהען אָפּרייזן... האָט ער, אַלזאָ, פאַרקויפט דאָס ביסל חפצים וואָס ער האָט געהאַט, און צוגעבאָרגט געלט פון דעם און פון יענעם, ביז עס האָט זיך איהם אָנגעזאַמלט גענוג געלט פאַר די שפּעזן ביז'ן פּאָרט. ער האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געהאַט גענוג געלט צו צאָלן פאַר אַ בילעט אויף די שיף. איז ער צוגעגאַנגען צום שיף-קאַפּיטאַן, און זיך פאָרגעשטעלט פאַר איהם ווי אַ רייכער סוחר. ער האָט איהם אַפילו געוויזן דעם טייערן שטיין וואָס ער האַלט אין זיין האַנט... דער קאַפּיטאַן האָט באַלד אַריינגענומען דעם 'רייכן סוחר', אין אַ שיינעם צימער, וואו ער זאָל זיך קענען אויפהאַלטן אין משך פון דער גאַנצער לאַנגער רייזע. דער קאַפּיטאַן האָט אויך צוגעשטעלט פאַר איהם באַדינער, איהם צו באַדינען מיט'ן גרעסטן כבוד, און אַז אַלעס וואָס ער וועט דאַרפן האָבן, זאָל מען איהם באַלד דערלאַנגען. אויך דער קאַפּיטאַן זעלבסט, איז פון צייט צו צייט אַריינגעגאַנגען צום 'סוחר', כדי זיך צו באַראָטן מיט איהם איבער פאַרשידענע ענינים...

יעדן טאָג ביי די סעודה, האָט דער איד אַוועקגעשטעלט דעם טייערן שטיין אויפ'ן טיש, כדי זיך אומצוקוקן דערויף, און הנאה האָבן אַפילו בלויז פון כאַפּן דערויף אַ בליק... איין טאָג, האָט דער איד איינגעדרימלט נאָכ'ן עסן, און דער משרת, וועלכער איז אַריינגעקומען כדי אַראָפּצוראַמען פון טיש, האָט אויפגעהויבן דעם גאַנצן טישטוך, און אַריינגעוואָרפן אַלעס וואָס איז געלעגן דערויף, אין די טיפענישן פון ים...

ווען דער איד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן, זעהענדיג דעם שרעקליכן אומגליק וואָס האָט דאָ מיט איהם פּאַסירט, אַז זיין גאַנצער 'רייכטום' איז איינגעזינקען אין ים... פאַר אַ מינוט, איז ער כמעט געוואָרן שטאַרק מיואש. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרעכנט, אַז אויב מ'וועט אויסגעפונען פון זיין

אַלע ניסים ונפלאות אין מצרים. און אַזוי וועט עטס זעהט די ישועה פון דעם אויבערשטען.

**לענינינו**, קען מען זאָגן, ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ תקופה פון הסתרה, ער שפירט ווי זיין וועלט איז איהם פינצטער ח"ו, דאַרף ער שטיין אויף דער וואַך, און נישט פאַרלירן דעם ישוב הדעת[ב] און סבלנות[ג]. 'מה תצעק אלי'... ער זאָל זיך אָנגאַרטלען מיט אמונה אין דעם באַשעפער, אַז ער וועט איהם אינגיכן העלפן[ד]. דורך אט די התחזקות וואָס ער שטעלט זיך אַוועק, וועט ער זוכה זיין צו ישועת ה' כהרף עין.

---

'סוד', וועט דאָך דער שיף-קאַפּיטאַן (וועלכער איז געווען אַ גוי אַן אכזר), איינזעהן אַז ער איז נישט אַנדערש נאָר אַ בלוטיגער אָרימאַן, און ער וועט איהם באַלד אַריינוואַרפן אין ים אַריין, צו 'פאַרברענגען' דאָרט מיט זיין טייערן שטיין. ער האָט דעריבער אָנגעשטעלט אַ פרייליכן פנים, און ווייטער אַרומשפּאַצירט אויף דער שיף, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט, און ער האָט ווייטער געגאַסן פון אַלע באַדינגונגען אַזוי ווי ביז דאַן...

יענעם טאָג, איז דער קאַפּיטאַן פון דער שיף געקומען צו איהם, און איהם געזאָגט, אַז ער וויל זיך אַדורכרעדן מיט איהם אַ געהיימען סוד. ער קויפט ווייץ און תבואה אויף אַ געוויסן אינדזל, און שפּעטער פירט ער עס אַריין קיין ענגלאַנד. ער האָט אָבער מורא אַז ער וועט דאַרפן צאָלן זייער אַסאַך שטייערן פאַר זיין סחורה, בעט ער דעריבער דעם איד, ער זאָל איהם ערלויבן צו פאַרשרייבן די גאַנצע סחורה אויף זיין נאָמען... ווייל מ'דערקענט דאָך אויף איהם אַז ער איז אַן ערליכער מאַן...

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער איד האָט באַלד איינגעשטימט אויפ'ן 'געשעפט'. ער האָט דאָך נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן... אַראָפּגייענדיג פון דער שיף איז דער קאַפּיטאַן פלוצלינג געשטאָרבן - נישט איבערלאָזנדיג נאָך זיך קיין יורשים. אַזוי איז די גאַנצע תבואה געבליבן אין רשות פון דעם איד, וועלכער איז געוואָרן גאָר רייך.

פון די מעשה, לערנט מען אַ שטאַרקן לימוד אין דעם ענין פון אמונה. דער טייערער שטיין איז דאָך נישט געווען דאָס אייגנטום פון דעם איד, והא ראיה, אַז ער האָט עס פאַרלוירן, און עס איז נישט געבליבן קיין זכר פונעם שטיין. די 'תבואה' האָט יאָ געהערט צו דעם איד, והא ראיה, אַז דער אויבערשטער האָט עס צום סוף איבערגעגעבן אין זיין רשות. דאָס אַלעס האָט אָבער פּאַסירט נאָר אין זכות פון דעם וואָס ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש אין אַ שווערן זמן. אויב ער וואָלט געוואָרן טרויעריג, איז דאָך נישט נאָר וואָס ער וואָלט נישט באַקומען די תבואה און דעם גאַנצן רייכטום דערמיט, נאָר ער וואָלט זיך געפונען אין אַ לעבנס געפאַר חלילה, ווייל דער קאַפּיטאַן וואָלט איהם תיכף ומיד אַריינגעוואָרפן אין ים, ווען ער וואָלט געזעהן אַז ער איז נישט מער ווי אַן אָרימאַן... אשרי איש שלא ישכחך, ובן אדם יתאמץ בך...

**ב.** אין אַמעריקע האָט געוואוינט אַ איד מיט'ן נאָמען ר' משה יצחק פיש ז"ל, וועלכער איז שטענדיג געווען פרייליך און אויפגעלייגט. און נישט נאָר דאָס, נאָר ער האָט זיך געפירט אַז ער האָט שטענדיג געבעטן יעדן איינעם וועמען ער האָט נאָר באַגעגנט, 'גיב אַ שמייכל'... אויך אויב יענער (וועמען ער האָט באַגעגנט) איז געווען אַן אויפגערעגטער, האָט ער נישט נאָכגעלאָזט ביז יענער האָט איהם געמוזט 'שענקען' אַ שמייכל... אַמאָל האָט ער אָפּגעשטעלט אַ באַס אינמיטן פאַרן, און געזאָגט צום 'דרייווער' פונעם באַס, גיב אַ שמייכל... דער 'דרייווער' האָט איהם אָנגעשריגן, אָבער ר' משה יצחק האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ביז די וועסט מיר געבן אַ שמייכל...

אגב, אַמאָל האָט ער 'געפּאַדערט' אַ שמייכל פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע, און דער רבי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, און געזאָגט, מיר ווייסן דאָך אַז 'שמא קא גרים', (דער נאָמען פון אַ מענטש איז גורם ער זאָל באַקומען פאַרשידענע אייגנשאַפטן לויט דעם נאָמען וואָס ער טראָגט). נו, דו הייסט דאָך 'משה יצחק'. 'יצחק' איז פון לשון שמחה, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כא, ו) 'צחוק עשה לי אלוקים', און 'משה' איז אַזוי אָנגערופן געוואָרן ווייל 'כי מן המים משיתיהו', בתיה בת פרעה האָט איהם 'אַרויסגעצויגן' פונעם וואַסער. נו, 'משה יצחק', ער 'ציהט אַרויס' אַ שמייכל פון די גאַנצע וועלט...

די סיבה פאַרוואָס ר' משה יצחק איז שטענדיג געווען פרייליך, און האָט זיך אַפילו משתדל געווען פרייליך צו מאַכן אויך אַנדערע מענטשן, איז געווען דערפאַר ווייל אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן, איז זיין טאָכטער אַמאָל געווען זייער נישט געזונט ל"ע און עס האָט געהאַלטן כמעט ביי... רח"ל. איז ר' משה יצחק אַריבערגעגאַנגען צו הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, ער זאָל פאַר איהם אויס'פועל'ן אַ ישועה פאַר זיין טאָכטער. נאָך דעם ווי ר' משה יצחק האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן איבער זיין טאָכטער'ס שווערן מצב, האָט ר' ישעי'לע איהם געזאָגט: 'געב אַ שמייכל'. האָט ר' משה יצחק געגעבן אַ קרעכץ און געזאָגט,

'רבי, מיין טאָכטער איז אין אַ לעבנס געפאַר, ווי אַזוי קען איך שמייכלען?!...'. האָט רבי ישעי'לע איהם אָנגעשריגן, און שטרענג געזאָגט: 'האָסט געהערט וואָס איך האָב דיר געזאָגט? געב אַ שמייכל!'. בלית ברירה האָט ר' משה יצחק זיך צעשמייכלט, האָט רבי ישעי'לע איהם געזאָגט, דו קענסט אַהיימגיין, ווייל דיין טאָכטער וועט געזונט ווערן בבריאות השלימות בעזהי"ת. וכן הוה, ר' משה יצחק איז אַהיימגעקומען האָט ער געזעהן אַז זי האָט אָנגעהויבן בעסער צו שפירן, ביז זי איז מיט'ן אויבערשטען'ס הילף אינגאַנצן געזונט געוואָרן. זעהענדיג דעם כח פון אַ שמייכל, אַז מ'קען ווערן ממש לעבעדיג, האָט ער גענומען אויף זיך צו 'פאָדערן' פון אַנדערע מענטשן אַ 'שמייכל'...

עס ווערט געברענגט בדרך מליצה, דער אויבערשטער האָט דאָך אַרויסגעגעבן די גזירה ביים ברית בין הבתרים (בראשית טו, יג), 'כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה'. פאַקטיש, אָבער, זענען די אידן געווען אין מצרים נאָר 210 יאָר, אַזוי ווי די צאָל פון וואָרט 'רד"ו'. ווייל דער אויבערשטער האָט גערעכנט דעם קץ פון די צייט ווען יצחק אבינו ע"ה איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז אַ רמז, אַז ווען 'יצחק' קומט אויף די וועלט, ס'איז דאָ שמחה ('צחוק' עשה לי אלוקים), ווערן בטל אַלע שווערע און שלעכטע גזירות...

דער מקור און שורש פון שמחה איז אמונה, ווען דער מענטש גלייבט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט, אַלעס ווערט געפירט מיט אַ חשבון פון הימל, און איבער אַלעם 'כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד', איז ער שטענדיג פרייליך, ווייל ער ווייסט דאָך אַז ער און זיין גורל זענען אין די הענט פון דעם אויבערשטען, וועלכער טוט אַלעס פאַר די פולשטענדיגע טובה פונעם מענטש..

דער באַרנובער רב, הרה"ק רבי אברהם שמחה זי"ע, זאָגט (אין זיין ספר 'חמרא טבא', פ' וארא), אויף דעם פסוק (שמות ח, יט) 'ושמתי פדות בין עמי ובין עמך למחר יהיה האות הזה'. דער חילוק צווישן אַ איד און אַ גוי להבדיל איז, אויב ער לעבט מיט די אנערקענונג אַז מאָרגן וועט דער אויבערשטער העלפן: 'מחר יהיה האות הזה'. אַ איד פאַרלירט נישט דעם גלייכגעוויכט, אויך אין אַן עת צרה ח"ו. ער ווערט נישט טרויעריג, ווייל ער ווייסט אַז היינט איז ער טאַקע אין אַ צרה, אָבער מאָרגן וועט נישט איבערבלייבן אַפילו אַ זכר פון די צרה. די גאַנצע זאַך איז נאָר אַ נסיון פון דעם באַשעפער, כדי ער זאָל נתעורר ווערן צו תשובה און תיקון המעשים. דאָס זעלבע פאַרקערט, ווען עס גייט גוט פאַר'ן מענטש, האַלט ער זיך נישט גרויס דערמיט, נאָר ער ווייסט אַז דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט איהם די חסדים. אויב ער וויל, קען ער עס חלילה אַוועקנעמען פון איהם, ממילא, ווערט ער נישט גרויס ביי זיך. אָבער אַ גוי, ווען ער איז אין אַ צרה שרייט ער און וויינט מיט אַ 'יאוש שלא מדעת'. ער פאַלט אַריין נאָך טיפער אין די צרה, ווייל ער גלייבט נישט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט. ווידער ווען עס גייט איהם גוט, האַלט ער זיך גרויס - ווער קען זיך דען צוגלייכן צו איהם...

דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'ושמתי פדות בין עמי ובין עמך'. דער חילוק צווישן אידן און גוים איז, אַז דער איד לעבט בשלוה און במנוחת הנפש, אָבער דער גוי איז צוגעלייגט און טרויעריג. דאָס איז דערפאַר ווייל עס ווענדעט זיך אין 'מחר יהיה האות הזה' - דער איד לעבט נישט מיט'ן 'הוה'. ער זעהט פאַר זיך נאָר דעם 'מאָרגן', וואָס וועט זיכער זיין בעסער ווי דער היינטיגער טאָג.

**ג.** דאָס איז געזאָגט געוואָרן סיי ווען עס קומט אונטער אַ נסיון אין גשמיות, און סיי ווען מ'שפירט אַ הסתר ברוחניות, ווי מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה (טז, ו-ז) ויאמר משה ואהרן אל כל בני ישראל, ערב וידעתם כי ה' הוציא אתכם מארץ מצרים, ובוקר וראיתם את כבוד ה' וגו'. זאָגט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (געברענגט אין ספר 'תורת אבות', ד"ה 'ערב'), אַז דער פסוק קומט אונז לערנען, אויב דער מענטש געפינט זיך אין אַ מצב פון 'ערב' - ער זעהט נישט פאַר זיך קיין לעכטיגקייט, און עס איז איהם שווער צו דינען דעם אויבערשטען, זאָל ער נישט ווערן געפאַלן ביי זיך, נאָר ער זאָל זיך מחזק זיין: 'כי ה' הוציא אתכם מארץ מצרים' - דער אויבערשטער האָט אַרויסגענומען אידישע קינדער פון מצרים, כאָטש זיי זענען געווען פאַרזינקען אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל. ממילא, וועט ער רחמנות האָבן אויך אויף איהם, און איהם אַרויסנעמען מאפילה לאור גדול. אָבער אויב עס איז אַ בחינה פון 'בוקר' - ער זעהט אין אַלעם וואָס ער טוט אַ סימן פון ברכה, זאָל ער זיך נישט האַלטן גרויס צו זאָגן 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', נאָר ער זאָל געדענקען אַז אַלעס איז פון די חסדים פון דעם אויבערשטען: וראיתם את כבוד ה'.

**ד.** דאָס איז אַ הויפּט-פונקט אין אמונה, צו גלייבן אין צייט פון פינצטערניש, ווי דער נצי"ב זצ"ל האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון חז"ל (מכילתא בשלח, ג) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טו, ב) 'זה א-לי ואנוהו'. די

**אויך** דער מענטש וואָס שפּירט אַז אַלע וועגן פאַר אַ ישועה זענען פאַר איהם פאַרמאַכט ח"ו, ער שרייט, 'מאין יבוא עזרי'. ער זעהט נישט אַ נאַטורליכן וועג פאַר אַ ישועה, טאָר ער זיך נישט פאַרלירן, נאָר ער דאַרף זיך שטאַרקן מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, ווייל דער אויבערשטער האָט נישט קיין שום אָפּהאַלט צו העלפן. 'היפלא מה' דבר' - מיר דאַרפן נישט וויזן דעם אויבערשטען ווי אַזוי ממשיך צו זיין פאַר דעם מענטש אַ ישועה[ה], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (טו, כג-כה) 'ויבואו מרתה, ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם, על כן קרא שמה מרה... ויצעק אל ה', ויורהו ה' עץ וישלך אל המים וימתקו המים'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס אָרט איז גערופן געוואָרן 'מרה'. נאָך דעם גרויסן וואונדערליכן נס אַז דאָס וואַסער איז געוואָרן זיס, וואָלט דאָס אָרט געדאַרפט אָנגערופן ווערן 'מתוקה' - זיס...

**ענטפערט** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע, ווען די אידן האָבן געטרינקען פונעם ביטערן וואַסער, און געשפּירט אַז זיי קענען נישט טרינקען דערפון ווייל ס'איז ביטער, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען צו דעם אויבערשטען, און געבעטן ער זאָל שיקן זיסע וואַסער פאַר'ן גאַנצן פאָלק צו טרינקען. זיי האָבן געטראַכט וועגן די גרויסע ניסים וואָס דער אויבערשטער וועט פאַר זיי באַווייזן, און זיי ברענגען וואַסער צו טרינקען. זיי האָבן זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער אויבערשטער וועט איבערדרייען דאָס ביטערע וואַסער, אַז דאָס וואַסער זאָל ווערן זיס, און אַז פונעם וואַסער אַליין וועלן זיי זיך דערקוויקן דאָס האַרץ[ו].

---

אידן האָבן געוויזן מיט זייער פינגער, די דינסט האָט געזעהן ביים ים, מער ווי יחזקאל הנביא האָט געזעהן אין זיין נבואה.

פרעגט דער נצי"ב, פון וואו ווייסן מיר אַז 'זה א-לי ואנוהו' האָבן געזאָגט די דינסטן ווייל זיי האָבן זוכה געווען צו גילוי שכינה? אפשר האָבן עס געזעהן נאר די צדיקים פון יענעם דור, אַז זיי האָבן געזעהן די שכינה און געזינגען 'זה א-לי ואנוהו', דאַנקענדיג און לויבנדיג דעם באַשעפער?

ענטפערט דער נצי"ב ז"ל, אַז דער מענטש וואָס זאָגט 'זה א-לי ואנוהו' - איך וועל לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען נאָר ווען עס איז מיר 'לעכטיג', ווען איך קען אָנווייזן מיט'ן פינגער 'זה א-לי'. אַזאַ איינער איז נאָר אַזוי ווי אַ 'דינסט'... איינער וואָס דינט דעם אויבערשטען ווי ס'דאַרף צו זיין, גלייבט אין דעם אויבערשטען אויך ווען ער זעהט נישט אָפּען.

**ה.** הרה"ח ר' מרדכי יחיאל לוריא ז"ל האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מיר זאָגן יעדן טאָג אין ברכות השחר, די ברכה 'רוקע הארץ על המים'. לכאורה וואָלט ענדערש געפּאַסט צו זאָגן די ברכה ביי 'יוצר אור', וואו מ'לויבט און מ'דאַנקט דעם אויבערשטען פאַר'ן באַשאַפן די וועלט און פאַר באַנייען יעדן טאָג מעשי בראשית. פאַרוואָס איז עס געשטעלט געוואָרן צווישן די ברכות השחר?

איז דער תירוץ, אָפט מאָל עפנט דער מענטש זיינע אויגן אינדערפרי, און ער ווייסט אַז אַ גרויסער 'ים' מיט דאגות שטייט פאַר איהם. ער דאַרף האַנט אָפּצאָלן אַ חוב אין באַנק, אָדער פאַר אַ גמ"ח, און ער האָט נישט קיין אַנונג פון וואו ער וועט נעמען דאָס געלט, א.ד.ג. ער שפּירט ממש ווי די ערד האָט זיך 'געעפענט' אונטער זיינע פיס, און ער שטייט 'אויפ'ן וואַסער'... צוליב דעם האָבן חז"ל מתקן געווען מ'זאָל זאָגן די ברכה 'רוקע הארץ על המים' באַלד אינדערפרי, נאָכ'ן אויפשטיין פון שלאָף, כדי זיך צו שטאַרקן מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, מיר זאָלן געדענקען אַז דער אויבערשטער איז דער 'רוקע הארץ על המים'. ער האָט אַפילו אַוועקגעשטעלט די גאַנצע וועלט אויפ'ן וואַסער, און ממילא, איז ער אימשטאַנד צו האַלטן אויך דיך, דאָס קליינע מענטשעלע, ווען דו געפינסט זיך 'אויפ'ן וואַסער'...

**ו.** עס שטייט אין מדרש תנחומא (כד) רבי שמעון בן גמליאל זאָגט, קום און זעה ווי די וועגן פון דעם אויבערשטען זענען מער ווי וואונדערליך. אַ בשר ודם היילט אַ ביטערע זאַך מיט אַ זיסע זאַך, אָבער דער אויבערשטער היילט דאָס ביטערע מיט'ן ביטערן, און וועגן דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן פאַר משה רבינו ע"ה ער זאָל אַריינוואַרפן דאָס ביטערע שטיקל האָלץ אין דעם וואַסער (אין מדרש דאָרט איז דאָ אַ מחלוקת, נאָר וועלכער סאָרט האָלץ ס'איז געווען), און דייקא מיט'ן ביטערן האָלץ איז דאָס וואַסער געוואָרן זיס. דער טעם דערפון איז, ווייל דער אויבערשטער מאַכט זיס אַ ביטערע זאַך מיט אַ ביטערע זאַך, כדי מיר זאָלן גלייבן אַז אויך ווען עס זעהט אויס בדרך הטבע אַז אַלע

**אַזוי האָט געזאָגט דער הייליגער לעבעווטשער זי"ע, דער אויבערשטער האָט אַסאַך וועגן פון אויסלייזונג פאַר**
**אויפ'ן פסוק** (תהלים קל, ז) **'והרבה עמו פדות' - אידישע קינדער'...**

---

טויערן זענען פאַרמאַכט ח"ו, טוט דער אויבערשטער איבערדרייען די מערכות. ער מאַכט זיס דאָס ביטערע, מיט אַ צווייטע ביטערע זאַך, און דערפאַר איז דאָס אָרט גערופן געוואָרן 'מרה', מיר זאָלן געדענקען אַז דער אויבערשטער מאַכט זיס אַ ביטערע זאַך מיט אַ ביטערע זאַך, אַנדערש ווי ס'איז דער דרך הטבע.

דאָס איז אויך די כוונה פון די פסוקים אין שירת הים (טו, ט-י) 'אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל תמלאמו נפשי אריק חרבי תורשימו ידי, נשפת ברוחך כסמו ים'. פרעגן די מפרשים (רמב"ן ועוד) פאַרוואָס האָט די תורה געשריבן וואָס פרעה האָט געטראַכט און געזאָגט? אויך דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געהאָלפן פרעה נאָכלויפן די אידן ביז צום ים, און ער האָט איהם נישט געשטערט נאָך אין מצרים, אַז ער זאָל נישט קענען נאָכיאָגן די אידן?

איז דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט ווייזן זיין גרויסן כח, כדי צו שטאַרקן די אמונה אין די הערצער פון אידישע קינדער. צוליב דעם האָט ער געהאָלפן פרעה נאָכלויפן די אידן, און ער זאָל זיי דערגרייכן ווען זיי האָבן גערוהט ביים ים. דעמאָלס האָבן זיי נישט געהאַט קיין עצה בדרך הטבע, ווי אַזוי געראַטעוועט צו ווערן פון דעם רשע פרעה, נאָר דער אויבערשטער האָט געשפאָלטן דעם ים און אונז אַריינגעפירט אין ים, כדי מיר זאָלן וויסן, מי כמוכה באלים ה'. און צוליב דעם שטייט אַרויסגעשריבן אין דער שירה, וואָס פרעה האָט געזאָגט, 'אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל' וגו', כדי מיר זאָלן זיך מתבונן זיין אַז עס האָט געפעלט אַ האָר די אידן זאָלן חלילה אומקומען, ווייל דער אויבערשטער קען העלפן דעם מענטש אויף אַן אופן וואָס עס פאַלט איהם נישט איין.

און נישט נאָר דאָס, נאָר דער ים האָט אין אָנהייב אויסגעזעהן ווי די גרעסטע צרה. די אידן האָבן נישט געהאַט קיין שום וועג ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון פרעה, אָבער דער אויבערשטער האָט געוויזן אַז דייקא דאָ איז די טיר פאַר זייער ישועה אויף אַן אופן וואָס עס פאַלט זיי גאָרנישט איין. דער ים וועט זיך שפאַלטן אויף צוויי, און אידן וועלן אַדורכגיין דעם ים. די מצריים וועלן אַריינלויפן אינעם ים, און זיי וועלן דאָרט איינזינקען.

**ז.** אַ וואונדערליכן חידוש, זאָגט דער 'שפת אמת' (ליל ב' דפסח שנת תרל"א), אויף די ווערטער פונעם 'מגיד', 'אילו קרע לנו את הים ולא העבירנו בתוכו בחרבה דיינו'. זאָגט דער 'שפת אמת', דער פסוק זאָגט 'ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה'. דער הויפט וואונדער איז געווען אַז די אידן זענען געגאַנגען 'בתוך הים' אין דעם ים ממש, און ס'איז געוואָרן אַ טריקעניש. דער עצם נס וואָס עס וואָלט געוואָרן טרוקן, איז נישט אַזאַ פלא, ווייל דער אויבערשטער קען דאָך איבערדרייען אַ ים צו טריקעניש, אָבער צוליב זיין ליבשאַפט פאַר די אידן, האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז כאָטש עס וועט בלייבן אַ ים, וועט עס ווערן פאַר די אידן אַ יבשה ממש. דאָס איז דער פשט פון די ווערטער, והעבירנו בתוכו 'בחרבה'.

דער 'שפת אמת' ברענגט אַ ראיה צו זיינע ווערטער, ווייל אויב דער אויבערשטער וואָלט געשפאָלטן דעם ים און עס איבערגעקערט עס זאָל ווערן יבשה (ווי ס'איז משמע דער פשוט'ער פשט אין פסוק), וואָלט עס נישט געווען אַ וואונדער, ווייל דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער אַז דער אויבערשטער איז בכח איבערצודרייען פון ים צו יבשה. דער הויפט וואונדער איז נאָר געווען אַז ער האָט באַנייט אַ זאַך אין די טבע פון וואַסער אַליין. און דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה'. די אידן זענען ממש געגאַנגען אין וואַסער, נאָר עס איז געוואָרן איבערגעדרייט צו טרוקענע וואַסער.

פון דעם קענען מיר שעפן חיזוק, ביי אַלע ענינים וואָס חז"ל זאָגן אַז זיי זענען 'שווער' אַזוי ווי קריעת ים סוף – אַ זיווג, פרנסה, א.א.וו. דאַרף מען גלויבן אַז דער אויבערשטער קען 'אויסטריקענען' דאָס וואַסער. ער איז דער 'כל יכול' צו היילן אַן אומהיילבאַרן קראַנקן רח"ל, לעבעדיג מאַכן די טויטע, אַריינגעבן חכמה און פאַרשטאַנד אין אַ פאַרשטאָפטן קאָפּ, און אַזוי ביי אַלע טירדות און צרות מיט וואָס אַ מענטש איז אַרומגענומען. אַלעס קען דער אויבערשטער ערלעדיגן אין אַ סעקונדע, אויף אַן אופן וואָס עס קומט בכלל נישט אויפ'ן געדאַנק. דורך דעם וואָס מיר פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטען און גלייבן אין איהם מיט'ן גאַנצן האַרצן, איז מען ממשיך אַ ריזיגע שפע פון גרויסע חסדים און גרויסע נסים, אכי"ר.

פרשת המן - זיך מתבונן זיין אין דער לימוד פון די מן

'ויאמר ה' אל משה, הנני ממטיר לכם לחם מן השמים' (טז, ד).

**עס** ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח ס"א, ס"ה) 'טוב לומר (בכל יום) פרשת העקידה ופרשת המן'. זאָגט דער רבינו בחיי (פרשתינו טז, כ): די חכמים האָבן געהאַט בקבלה, אַז יעדער איינער וואָס זאָגט יעדן טאָג פרשת המן, איז פאַרזיכערט אַז עס וועט איהם קיינמאָל נישט פעלן קיין פרנסה.

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'תשב"ץ' (סי' רנו) אין נאָמען פון ירושלמי, אַז יעדער וואָס זאָגט פרשת המן יעדן טאָג, איז פאַרזיכערט 'שלא יתמעטו מזונותיו'. און דער 'תשב"ץ' לייגט-צו: 'ואני ערב' - און איך טוה האָפטן דערויף[ח].

**דער** טעם פאַרוואָס מ'דאַרף יעדן טאָג זאָגן פרשת המן, איז ווי דער 'טורי זהב' שרייבט (או"ח סי' א, סק"ד) כדי דער מענטש זאָל גלייבן אַז זיין גאַנצע פרנסה קומט מיט השגחה פרטית פון הימל[ט].

**דער** 'משנה ברורה' (סק"ג) איז מוסיף אויף די ווערטער פונעם ט"ז, אַז מ'דאַרף זאָגן 'פרשת המן' יעדן טאָג, כדי ארויס צו לערנען דעם לימוד פון די מן. ביי די מן איז געווען 'המרבה לא העדיף והממעיט לא החסיר', צום סוף, האָט יעדער איד באַקומען אַן 'עומר לגלגולת' אַזוי פיל ווי דער אויבערשטער האָט באַשטימט פאַר איהם, אָפגעזעהן וויפיל 'השתדלות' מ'האָט אריינגעלייגט. פון דעם זעהט מען אַז דורך השתדלות, פאַרדינט מען נישט מער געלט, און פון דער צווייטער זייט, אויב ער וועט נישט טוהן מער השתדלות, וועט

---

**ח.** ס'איז אָבער פאַרשטענדליך פון זיך אַליין, אַז ס'איז נישט גענוג צו זאָגן 'פרשת המן' מיט'ן מויל, נאָר מ'דאַרף זיך מתבונן זיין אינעם פנימיות דערפון, אַז די גאַנצע פרנסה און אַלע באַדערפענישן פונעם מענטש, דערגרייכן איהם פון הימל מיט השגחה פרטית.

דער 'חפץ חיים' זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט ('בית השואבה'), חז"ל זאָגן (יומא עה.) אַז אין מן האָט יעדער איינער געקענט שפירן יעדן טעם וואָס ער האָט געוואָלט שפירן דערין. האָט דער "חפץ חיים" געפרעגט, וואָס האָט געשפירט איינער וואָס האָט גאָרנישט געטראַכט בשעת'ן עסן? און ער האָט אַליין געענטפערט, אַז דער מענטש וואָס איז זיך נישט מתבונן, שפירט אינגאַנצן נישט אַ טעם...

**ט.** די ספרים זאָגן אַ רמז אין פסוק 'הנני ממטיר לכם לחם מן השמים'. די שפע פון פרנסה איז ענליך צו רעגן וואָס קומט אַראָפ פון הימל. פונקט אַזוי ווי רעגן, קען קיינער נישט שטאַרקן דעם שטראָם פונעם רעגן אָדער פאַרקערט - קלענער מאַכן דעם שטראָם, נאָר אַלעס ווערט באַשטימט פון הימל, דאָס זעלבע איז מיט פרנסה. יעדע השתדלות וואָס דער מענטש מאַכט, וועט איהם נישט העלפן צו פאַרגרעסערן די שפע פון זיין פרנסה, און דאָס זעלבע פאַרקערט, דער מענטש קען נישט אָפשוואַכן די פרנסה פון זיין חבר און איהם מאַכן אַ שאָדן, נאָר אַלעס איז לויט ווי עס איז באַשטימט פאַר איהם פון הימל.

די גמרא זאָגט (עי' תענית ח:) 'מאן דיהיב שובעא לחיי הוא דיהיב'. דער אויבערשטער שפייזט די מענטשן וואָס לעבן. דאָס הייסט, אַז פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער גיט לעבן פאַר'ן מענטש, אַזוי שפייזט ער איהם. זאָגן די ספרים, אַז פונקט ווי דאָס לעבן פון מענטש איז פאַרשריבן גענוי פון הימל ווי לאַנג דער מענטש זאָל לעבן - נישט אַ רגע ווייניגער אָדער מער. דער גרעסטער און רייכסטער קעניג קען נישט צוגעבן צו זיין לעבן אַפילו איין טאָג אָדער אַ שעה, אַזוי קען קיין שום מענטש אויף דער וועלט נישט ענדערן די גזירה וויפיל ס'איז פאַר איהם פאַרשריבן געוואָרן ער זאָל האָבן פרנסה. עס וועלן איהם נישט העלפן קיינע תחבולות צו פאַרדינען אַפילו איין פרוטה מער ווי ס'איז איהם באַשערט פון הימל, און אַזוי איז אויך ביי אַלע אַנדערע לעבנס-באַדערפענישן. קיין שום באַשעפעניש קען נישט טוישן אַפילו אַ האָרל פון דעם אויבערשטען'ס רצון, און די גאַנצע השתדלות צו ענדערן די גזירה, וועט נישט מצליח זיין.

**י.** ס'איז אַ מנהג ישראל תורה צו געבן צו עסן פאַר די פייגלעך שבת שירה. די ספרים ברענגען אַ רמז דערויף, דער פויגל פירט זיך אַז ווען ער גייט-צו כדי צו נעמען זיין עסן, בייגט ער אַראָפ דעם קאָפּ, ער לייגט עס אַריין אין מויל און באַלד דערנאָך הייבט ער אויף זיין קאָפּ צום הימל, און דערנאָך בייגט ער ווידער אַראָפ דעם קאָפּ, און ער הייבט עס נאָך אַמאָל אויף, ביז ער ענדיגט עסן. דאָס לערנט אונז, אַז ביי ענינים פון פרנסה, טראָץ דעם חיוב צו טוהן 'השתדלות', דאַרף מען אָבער שטענדיג געדענקען אויפצוהייבן די אויגן און דעם קאָפּ צום הימל, צו וויזן אַז צום סוף איז דער אויבערשטער וואָס שטעלט צו פאַר אונז די פרנסה.

דער אויבערשטער צושטעלן פאַר איהם די שפּייז, וויפיל ס'איז פאַר איהם אָנגעשריבן געוואָרן אין הימל[יא].

**דער** מדרש זאָגט (תנחומא פרשתינו, כ) אויף'ן פסוק (פרשתינו טז, ד) 'דבר יום ביומו - מי שברא יום, ברא פרנסתו'. דער באַשעפער וואָס האָט באַשאַפן דעם טאָג, האָט אויך באַשאַפן די שפּייז פאַר די באַשעפענישן אין דעם טאָג. רבי אלעזר המודעי האָט געזאָגט, אויב דער מענטש האָט היינט צו עסן, און ער פרעגט, 'וואָס וועל איך עסן מאָרגן?', איז עס אַ סימן אַז ער איז 'מקטני אמנה' - עס פעלט איהם אמונה אינעם אויבערשטען.

**בפשטות** איז די כוונה, אַז דער חסרון פון זיין אמונה דערקענט זיך אין זיין עצם זאָרג, 'וואָס וועל איך עסן מאָרגן'.

**ערליכע** אידן האָבן אויך געזאָגט, אַז דער חסרון אין אמונה באַשטייט נישט נאָר אין דעם וואָס דער מענטש זאָרגט פון וואו ער וועט זיך שפּייזן מאָרגן, נאָר אין דעם וואָס ער שפּירט אַז דעם היינטיגן טאָג האָט ער יאָ צו עסן... אויב ער וואָלט באמת געגלייבט אין דעם אויבערשטען, וואָלט ער פאַרשטאַנען אַז ער פאַרמאָגט גאָרנישט, און אויך דעם היינטיגן טאָג האָט ער נישט קיין ברויט צו עסן, נאָר ער ווערט געשפּייזט פון הימל[יב]. ממילא, איז דאָך נישט אַ נפקא מינה דער היינטיגער טאָג, אָדער דער מאָרגנדיגער טאָג...

### כי קרוב הוא - ווערן אַ 'קרוב' מיט'ן אויבערשטן דורך מאַכן גדרים און סייגים

**ולא** נחם אלוקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא (יג, יז).

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער של"ה הקדוש (דרך חיים תוכחת מוסר), בזה הלשון: זעה נאָר ווי דער מענטש דאַרף זיך מתבונן זיין צו מאַכן גדרים און סייגים און הרחקות, כדי ער זאָל נישט קומען צו זינדיגן

---

**יא.** אַוודאי צילן מיר דאָ נישט קלענער צו מאַכן ח"ו דעם חיוב פון השתדלות, ווייל ס'איז זיכער אַ חיוב גמור אויפ'ן מענטש צו טוהן השתדלות, ספּעציעל ווען עס קומט אַלס אַן 'אויסרייד' פאַר פוילקייט, א.ד.ג...

אין ירושלים האָט פּאַסירט אַ מעשה, אַ איד וואָס האָט ליידער געהונגערט און האָט נישט געהאַט אַפילו אַ פּרוטה צו קויפן אַביסל ברויט און וואַסער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט טוהן די השתדלות'ן וואָס עס ליגט אויף איהם אַ חיוב צו טוהן, ווי צו גיין נאָך געלט, אָדער אַריבערגיין עסן אין אַ 'תמחוי' וואו מ'טיילט צו עסן פאַר אידן, ביז ער האָט ליידער אויסגעהויכט זיין נשמה פון הונגער, און מענטשן האָבן געזאָגט, אַז 'דער איד איז געשטאָרבן פון הונגער'.

ווען הרה"ק רבי נחום'טשע מראחמיסטריווקא זי"ע האָט געהערט דערפון, האָט ער געזאָגט: 'ער איז נישט געשטאָרבן פון הונגער אָדער פון דורשט, נאָר פון כבוד און בושה... ער איז געשטאָרבן ווייל עס האָט איהם נישט געפּאַסט אויסצושטרעקן אַ האַנט און בעטן הילף פון אַנדערע'.

אַזוי זאָגט דער מאָדזשיצער רבי זצ"ל, אין ספר 'ישא ברכה', אויף דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (יז, יב) 'ויהי ידיו אמונה'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, אמונה איז אין 'קאָפּ', און נישט אין די 'הענט'. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די הענט מיט אמונה? ענטפערט דער מאָדזשיצער רבי, אַז דאָס לערנט אונז ווי ווייט דער מענטש איז מחויב צו טוהן השתדלות מיט זיינע הענט, און נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער זאָל אַרבעטן מיט זיינע הענט, גלייבנדיג אַז דאָס איז נישט מער ווי השתדלות, ווי דער ירושלמי זאָגט (מובא בתוספות שבת לא.) 'אמונת, זה סדר זרעים, שמאמין בחי העולמים וזורע'. דאָס הייסט, מיט זיין אמונה אין דעם אויבערשטען, זייעט ער איין און ער איז מקיים דעם חיוב צו טוהן השתדלות. אָבער 'ידיו אמונה', ווען ער גלייבט אַז נישט די 'הענט' ברענגען איהם פרנסה. די הענט זענען נאָר דער אופן און דער וועג אויף וועלכן דער אויבערשטער שיקט אַריין די ברכה, ווי דער פּסוק זאָגט 'וברכתיך בכל אשר תעשה'.

ענליכע ווערטער, זאָגט דער 'חפץ חיים' זי"ע ('חפץ חיים' עה"ת, פרשתינו, בהערות) אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געשפּאָלטן דעם ים ערשט נאָך דעם ווי די אידן זענען אַריין אינעם ים. נאָר דאָס קומט אונז לערנען אין אַלע דורות, אַז אַוודאי דאַרף אַ מענטש טוהן השתדלות, אַריינשפּרינגען אין ים... און נישט זיך דרייען ליידיג, מיט די טענה, 'איך גלייב דאָך אַז דער אויבערשטער קען שפּאַלטן דעם ים, אפילו אויב איך וועל גאָרנישט טוהן...'.

פון דער צווייטער זייט, איז פשוט אַז די השתדלות אַריינצושפּרינגען אין ים, האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. דער מענטש דאַרף נאָר מקיים זיין דעם חיוב פון השתדלות, און דאַן וועט דער אויבערשטער משפיע זיין די ברכה אָן שייכות צו דעם וואָס דער מענטש טוט. די גאַנצע השתדלות איז נאָר אַ גזירה פונעם באַשעפער.

ח"ו. ווייל אפילו דער אויבערשטער 'בכבודו ובעצמו' האָט געמאַכט אַ דערווייטערונג, 'פן ינחם העם' וגו', עכ"ל.

**דאָס** הייסט, וויבאַלד די אידן זענען געווען 'נאָנט' במחשבה צום לאַנד מצרים און איר טומאה, האָט דער אויבערשטער זיי געדאַרפט אַרומפירן אין מדבר, און זיי דערווייטערן פון מצרים וואָס ווייטער, כדי זיי זאָלן נישט זעהן די מצריים, און וועלן צוריקגיין קיין מצרים.

**לויט** דעם טייטשט דער של"ה הקדוש דעם פסוק (ישעיה נז, יט) שלום שלום לרחוק ולקרוב אמר ה'. 'שלום שלום לרחוק' - דער מענטש וואָס דערווייטערט זיך פון אַ חשש עבירה דורך מאַכן גדרים וסייגים, מיט דעם ווערט ער נאָנט צו דעם אויבערשטען, ווייל דורך גדרים און סייגים היט ער זיך נישט דורכצופאַלן אין עבירות[יג].

**מ'דאַרף** וויסן, אז מ'טאָר נישט זיין אַן 'אויבער-חכם' קעגן די גדרים און סייגים וואָס די גדולי ישראל האָבן איינגעפירט אין יעדן דור, נאָר יעדער יחיד זאָל אָפּהיטן די מנהגים און מסורות פון זיינע עלטערן און רבי'ס, און אַזוי וועט ער אָפּגעהיטן ווערן פון אַלע פגעי הזמן[יד].

**אַזוי** טייטשט דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, דעם פסוק אין דער שירה (טו, ט) 'אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל'. דאַרף מען פאַרשטיין, פון וואו האָט פרעה געוואוסט אויף זיכער אַז ער וועט זיי אָניאָגן און צעטיילן זייער רויב? נאָר וואָס דען, פרעה האָט אויסגעפונען דעם 'סוד' ווי אַזוי די אידן האָבן זיך געהאַלטן בקדושה אין ערוות מצרים, און אַז זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן אין זכות פון דריי

---

**יב.** דער 'ישמח ישראל' זאָגט (סוף פ' בשלח) וועגן דעם מנהג ישראל צו וואַרפן צו עסן פאַר די פייגל שבת שירה. דער אָקס און דאָס אייזל, טראַכטן מיט זייער קליינעם שכל, אַז זיי פאַרדינען זייער עסן מיט רעכט, ווייל זיי אַרבעטן דאָך פאַר זייער 'באַלעבאָס' אויפ'ן פעלד און אויפ'ן וויינגאָרטן, אָבער די פייגל ברענגען נישט קיין שום נוצן פאַר זייערע 'באַלעבאַטים', ממילא ווייסן זיי אַז זיי באַקומען זייער עסן, נאָר אַדאַנק די גוט-האַרציגקייט פונעם 'באַלעבאָס'. פון דעם לערנען מיר, אַז מיר דאַרפן גלייבן אַז די פרנסה קומט נאָר פון דעם אויבערשטען'ס חסדים וואָס ער האָט אויף אונז רחמנות, אַזוי ווי די פייגל וואָס ווערן געשפייזט אַדאַנק דער גוטהאַרציגקייט פון זייער 'באַלעבאָס'.

**יג.** הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל האָט דערציילט, אַז יונגערהייט איז ער אַמאָל געווען אָנוועזנד ביים טיש פון איינע פון די חסיד'ישע רבי'ס. פאַר'ן טיש, האָט ער זיך געשטופּט כדי צו קענען שטיין נאָנט צום רבי'ן'ס אָרט. אָבער ווען דער רבי איז אַריינגעקומען צום טיש, האָבן די גבאים איהם אָנגעכאַפּט, און איהם אַרויסגעשטופּט פון טיש...

פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ יונג קינד, פאַר וועמען מ'האָט תיכף געמאַכט פלאַץ ביים טיש, און איהם אַוועקגעזעצט נעבן דעם רבי'ן. דאָס האָט געאַרט דעם יונגן שמשון, און ער האָט געפרעגט איינע פון די אידן ביים טיש, 'וואָס בין איך אַנדערש פון יענעם יונגל?'... האָט יענער איהם געענטפערט, דאָס יונגל איז דאָך אַן אייניקל פונעם רבי'ן... ער איז אַ 'קרוב'.

און רבי שמשון האָט אויסגעפירט: דאַן האָב איך געלערנט וואָס עס מיינט אַ 'קרוב', אַ 'קרוב' קען 'אויפרייסן' אַלע מחיצות, און זיך אַוועקשטעלן גאָר הויך.

ווילן מיר צולייגן, אויב דער של"ה הקדוש שרייבט אַז דער מענטש וואָס דערווייטערט זיך פון אַן עבירה, ווערט אַ 'קרוב' מיט דעם אויבערשטען, קען מען זיך פאָרשטעלן ווי נאָנט מיר אַלע קענען אָנקומען...

**יד.** דער באַקאַנטער חסיד רבי שמואל מונקעס זצ"ל, אַ תלמיד פון הייליגן בעל התניא זי"ע, האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל באַזוכט אין הויז פון אַן עלטערע פרוי, און געזעהן ביי איר אַ 'סידור הרב', מיט 'דברי אלקים חיים' פונעם בעל התניא זי"ע, אָפּגעדרוקט אַרום די ווערטער. וויבאַלד דער סידור איז דאַן געווען אַ יקר המציאות, האָט רבי שמואל געבעטן די עלטערע פרוי, זי זאָל איהם פאַרקויפן דעם סידור. זי האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו. האָט רבי שמואל געזאָגט, 'איך וועל אייך קויפן אנשטאָט דעם אַ ניי-געדרוקטן סידור, מיט הערליכע לייכטנדיגע אותיות, וואָס ס'איז פיל גרינגער צו דאַווענען דערין. די פרוי האָט אָבער נישט מסכים געווען צו פאַרקויפן איר סידור, און געזאָגט: 'אפי' אויב איר וועט מיר קויפן אַ נייעם סידור, איך וועל געניסן פון די לייכטנדיגע אותיות, וועט עס אָבער ביז עטליכע חדשים, זיך אָנהייבן קרישלען, און דער גאַנצער סידור וועט זיך צערייסן. די אותיות וועלן פאַרלוירן גיין, און כ'וועל נישט קענען דאַווענען דערין. מה שאין כן דער סידור וואו דער

זאַבן, וואָס זיי האָבן נישט געטוישט זייערע נעמען, זייער שפּראַך און זייער קליידונג. האָט פרעה געטראַכט ווי אַזוי ער קען איבעררעדן די אידן צו אָפּלאָזן די גדרים און סייגים, און אַזוי זיי זיכער דערגרייכן[טו]?

---

פירוש איז געדרוקט פון די זייט, איז אפילו אויב די ווערטער פון די תפילות וועלן אָפּגעמעקט ווערן, וועט דער סידור בלייבן גאַנץ...

און רבי שמואל מונקעס פלעגט זאָגן, אַז פון די מעשה האָט ער געלערנט די וויכטיג'קייט פון גדרים און סייגים. עס פּאַסירט אַמאָל אַז דער מענטש פאַלט פון זיין מדריגה, אָבער אויב ער האָט געמאַכט גדרים און סייגים, טוהען נאָר די גדרים און סייגים זיך 'קרישלען', אָבער דער 'יסוד' בלייבט ווייטער גאַנץ. אָבער אויב מ'מאַכט נישט קיין גדרים און סייגים, איז אָך און וויי צו איהם, אַזוי ווי ער וועט נאָר פאַלן אַביסל פון זיין מדריגה, וועלן אַלע יסודות פון אידישקייט פאַלן חלילה...

אַ חתן איז אַריינגעקומען צום באָבוב'ער רב, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זצ"ל הי"ד, נאָך אַ ברכה פאַר די חתונה. צווישן אַנדערע, האָט דער חתן געזאָגט פאַר'ן 'קדושת ציון', אַז די כלה איז נישט מסכים ער זאָל טראָגן אַ שטריימל שבת און יום טוב. האָט דער באָבוב'ער רב איהם געזאָגט, ער זאָל זעהן, אַמווייניגסטענס ווען ער מאַכט קידוש פרייטאָג צו נאַכטס, צו טראָגן אַ שטריימל אויפ'ן קאָפּ... האָט דער חתן פאַרשטאַנען, אַז דעם רבי'ן איז בכלל נישט ניחא אַזאַ געדאַנק, נישט אָנצוטוהן דעם שטריימל, און ער האָט גענומען אויף זיך צו טוהן דעם רצון פון באָבוב'ער רב. ער האָט זיך אַלזאָ איבערגעקליגט, און אָנגעטוהן דעם שטריימל במשך פון דער וואָך פון 'שבע ברכות', און אויך ווען די 'שבע ברכות' האָט זיך געענדיגט, האָט ער עס נישט אויסגעטוהן... האָט די כלה זיך זייער געוואונדערט, פאַרוואָס ער טראָגט אַ שטריימל אין אַ פּשוט'ן 'וואָכן טאָג'...

האָט דער חתן איר געענטפערט: פאַרוואָס נישט?... איך האָב געטראָגן דעם שטריימל במשך די גאַנצע וואָך פון 'שבע ברכות', און אַזוי האָב איך באַקומען חשק צו טראָגן דעם שטריימל יעדן טאָג... אַלזאָ, כדי עס זאָל הערשן 'שלום בית' צווישן דעם פּאָרפאָלק, איז מען זיך אַדורכגעקומען, מיט אַ 'פּשרה', אַז דער חתן וועט טראָגן דעם שטריימל, נאָר שבת און יום טוב... אַזוי אַז דורך דעם וואָס ער האָט צוגעלייגט צום 'שיעור' פון טראָגן אַ שטריימל, האָט ער פאַרדינט אַז ער זאָל דערנאָך קענען כאָטש שבת טראָגן דעם שטריימל...

די מעשה איז אַ משל און אַ נמשל פאַר יעדן איינעם, אַז נאָר דורך דעם וואָס מ'שטעלט אַוועק פאַר זיך גדרים און סייגים, קען מען אָפּהיטן די עיקרים און גופי תורה. אָן די גדרים און סייגים, איז אויך דער 'עיקר' אין אַ סכנה חלילה...

הרה"ק בעל 'עצי חיים' זצ"ל פון סיגעט, האָט אַמאָל געזאָגט וועגן איינעם וואָס האָט נישט געמאַכט גדרים וסייגים, בזה הלשון: 'אַהין און אַהער, איז אַ שתי וערב'... דאָס איז די גרעסטע טומאה.

**טו.** אין די צייטן פון מיטעלן בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָבן זיך געמערט די 'משכילים' און פורצי גדר. עס איז דעריבער נישט געווען קיין אַנדערע עצה, נאָר מקיים זיין 'הבדלו מתוך העדה הרעה הזאה', און דער בעלזער רב האָט דעמאָלס געגרינדעט די באַקאַנטע אָרגאַניזאַציע פאַר חיזוק התורה והאמונה, 'מחזיקי הדת'. מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, האָט די אָרגאַניזאַציע באַקומען די אנערקענונג פון די רעגירונג, און מ'האָט געקענט איינשטעלן תקנות אין די אידישע קהילות.

אין אַ געוויסן טאָג, איז צוגעקומען צום בעלזער רב זי"ע, אַ 'משכיל' וואָס האָט געהייסן דר. ביק (כשמו כן הוא'... ער איז טאַקע געווען אַ 'ביק'...) און ער האָט פּרובירט זיך צו טענה'ן מיט'ן בעלזער רב, אַז אפשר קען מען געפינען עפּעס אַ פּשרה און אַ 'מיטלוועג'. פאַרוואָס זאָל דער רבי אונז נישט אַנטקעגן גיין 'אינמיטן', און איינשטימען צו רעכענען זיך אַביסל מיט אונזער מיינונג... האָט דער בעלזער רב איהם צוגעפירט צום פענצטער, און געזאָגט:

- קוק אַרויס פון פענצטער, און דו וועסט זעהן 'מי ומי ההולכים'. אויףביידע זייטן גאַס, גייען מענטשן, און אינמיטן דער גאַס, גייען די פערד...

ממילא, דאַרף מען זיך מתבונן זיין, אויב דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין יענע צייטן, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז אין אַזאַ דור ווי היינט, וויפיל גדרים און סייגים מ'דאַרף אַוועקשטעלן כדי זיך צו דערווייטערן פון אַן עבירה. עס איז נישט דאָ אַן אַנדערע עצה, נאָר צו גיין 'ביז'ן אַנדערן עק'. היינט ווייסט שוין יעדער איינער, אַז 'אינמיטן' גייען בלויז די 'פערד'...

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, פלעגט זאָגן: עס טרעפט זיך אָפט, ווען אַ מענטש גייט אויף דער גאַס און זעהט אַ וואַנט וואָס מ'האָט ערשט געפאַרבט מיט 'פּעינט', און עס הענגט דאָרט אַ גרויסער שילד וואָס זאָגט אָן אַז דאָס איז פרישער פאַרב, כדי צו וואָרענען די דורכגייער נישט צו גיין צו-נאָנט צו די וואַנט, ווייל אויב יאָ, וועלן זיי פאַרשמירט ווערן פונעם פאַרב. מ'קען אָבער איבעראל טרעפן 'אויבער-חכמים', וואָס קענען זיך נישט צוריקהאַלטן, און וועלן אויסשטרעקן אַ האַנט, צו זעהן אויב עס איז טאַקע פרישער פאַרב... מ'האָט אָבער קיינמאָל נישט געהערט פון עמיצן וואָס גייט נעבן אַן עלעקטרישן שטאַנג אָדער דראָט, וואו עס הענגט אַ גרויסער שילד וואָס וואָרנט די דורכגייער וועגן די 'סכנת מות' אויב מ'רירט אָן דעם שטאַנג, ער זאָל וואַגן נאָכצוקוקן אויב עס הערשט טאַקע אַ געפאַר עס אָנצורירן...

דער חילוק, איז פשוט: אַ מענטש איז גרייט 'איינצושטעלן' זיינע קליידער, אַז זיי וועלן 'פאַרשמירט ווערן' פון 'פּעינט', אָבער זיין לעבן, וועט ער גאָר שטאַרק אָפּהיטן. ער איז נישט גרייט זיך אַריינצולאָזן אין אַ ספק ספיקא פון טויט ח"ו. דאָס דאַרף מען גוט געדענקען, אַז אַן 'עבירה', איז נישט 'פרישער פאַרב', נאָר אַ טויט געפאַר ח"ו!

לדידן יאמר, בנוגע די פאַרשאָלטענע טמא'נע כלים, וועלכע זענען נישט אַ 'סכנה' פון טויט, נאָר אַ 'זיכערער' טויט ח"ו. שומר נפשו ירחק מהם.

הרה"ק רבי בונם פון פּשיסחא... 

הרה"ק רבי בונם פון אָטוואָצק זי"ע האָט געזאָגט, אויף דעם לשון פון חז"ל (מגילה כד:) 'מינות נזרקה בו'. די גמרא זאָגט נישט, מינות 'נכנסה' בו, נאָר 'נזרקה'. עס איז 'אַריינגעוואָרפן געוואָרן'. זאָגט רבי בונם'ל אָטוואָצקער, ווען מ'וואַרפט אַ זאַך פונדערווייטנס, רירט עס איהם אָן טיילווייז. דאָס זעלבע איז מיט מינות, עס קען שאַטן אַפילו אַביסל, אָבער דערנאָך וועט עס זיך אויסשפרייטן רח"ל אין גאַנצן קערפּער.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן לענינינו, ווי ווייט מ'דאַרף זיך דערווייטערן פון אַלע עקלדיגע מיאוס'ע זאַכן, ווייל אויב מ'ווערט נכשל אַפילו נאָר אַביסל (מ'קוקט אַפילו 'בלויז' איין מאָל...) איז דער גאַנצער מענטש אין אַ סכנה, ה' ירחם.

אַ וואונדערליך וואָרט, זאָגט הגה"צ הישיש רבי משה וואָלפסאָן שליט"א, אב"ד ומנהיג רוחני פון דער קהילה "אמונת ישראל" אין באָראָ פּאַרק, אין זיין ספר 'אמונת עתיך', אויפ'ן פסוק (שמות ז, יד) 'ויאמר ה' אל משה כבד לב פרעה, מאן לשלח העם'. זאָגט אויף דעם דער מדרש: 'לבו של פרעה נעשה כבד' - דאָס האַרץ פון פרעה איז געוואָרן שווער.

זאָגט הרב וואָלפסאָן אַ כוונה אין די ווערטער פון מדרש, בהקדם וואָס הרה"ק מסאטמאר זי"ע האָט געפרעגט אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די תפילה פון 'נשמת', 'כי כל פה לך יודה, וכל לשון לך תשבע, וכל עין לך תצפה וכו' וכל הלבבות יראוך'. לכאורה, זעהען מיר דאָך נישט אַז דאָס מויל פון יעדן מענטש לויבט און דאַנקט דעם אויבערשטען, און אַז יעדעס אויג קוקט אַרויס צום אויבערשטען, און אַז יעדעס האַרץ האָט מורא פאַר דעם אויבערשטען. נאָר וואָס דען, אַ מויל וואָס לויבט נישט און דאַנקט נישט דעם אויבערשטען, איז נישט אין גדר פון אַ 'מויל'... און אַ האַרץ וואָס ציטערט נישט, איז נישט אין כלל פון אַ 'האַרץ'... און באמת, יעדעס 'מויל' לויבט יאָ דעם אויבערשטען, און יעדעס 'אויג' האָפט און קוקט אַרויס צום אויבערשטען, און אַזוי אויך יעדעס 'האַרץ', האָט מורא פאַר דעם אויבערשטען... 'וכל הלבבות יראוך'...

זאָגט הרב וואָלפסאָן, דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון מדרש, אַז דאָס האַרץ פון פרעה איז געוואָרן 'שווער', ווייל אַ האַרץ וואָס האָט נישט מורא פון דעם אויבערשטען, איז בכלל נישט אין גדר פון 'האַרץ'...

דער באַקאַנטער מגיד מישרים פון ירושלים, הגה"צ רבי שלום שוואַדראָן זצ"ל, פלעגט אויפטרעטן מיט אַ דרשת התעוררות יעדן פרייטאָג צו נאַכטס, אין דער גרויסער שול 'זכרון משה' אין ירושלים. אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס, זענען צוויי בחורים געשטאַנען און געשמועסט אויפ'ן גאַס, און איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן, אויב ער גייט היינט צו 'שוואַדראָן'... האָט זיין חבר געענטפערט, 'ניין, ניין... איך האָב איהם שוין געהערט צענדליגער מאָל'...

צום 'מזל' פון די צוויי בחורים, איז רבי שלום שוואַדראָן פּונקט אַדורכגעגאַנגען ווען זיי האָבן געשמועסט, און ער האָט געהערט זייער געשפּרעך. למעשה, האָט רבי שלום באַמערקט אינמיטן זיין דרשה, אַז די צוויי בחורים זענען יאָ אַריינגעקומען אין שול צו די דרשה. האָט ער געזאָגט: אויפ'ן גרויסן שאָסיי (הייוועי) זענען אַמאָל געפאָרן אַסאַך קארס. פּלוצלינג האָט איין 'דרייווער' באַשלאָסן זיך אָפּצורוהען אַביסל אינמיטן וועגן. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם קאר, אַרויסגענומען אַ צייטונג, און זיך גענומען לייענען רואיג און געלאַסן... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז ער האָט דערמיט פאַראורזאַכט אַ גרויסן 'טראַפיק'. אַלע קארס אונטער איהם האָבן זיך גענומען פייפן... דער חוצפּה'ניאַק

**דאָם** איז די כוונה פון פסוק, 'אמר אויב ארדוף אשיג' - פרעה האָט געזאָגט, ווי אַזוי וועל איך זיי אַריינכאַפּן ח"ו? 'אחלק שלל' - של"ל איז ראשי תיבות ש'ם ל'שון ל'בוש. אויב איך וועל זיי קענען איבעררעדן זיי זאָלן כאָטש טיילוויז טוישן די דריי גדרים (שם, לשון, לבוש), וועל איך זיכער באַוויזן זיי אַריינצוכאַפּן אין מיין נעץ. עס איז איהם אָבער נישט געלונגען: סוס ורוכבו רמה בים'.

### מזמור שיר ליום השבת - שבת שירה

**שבת** פרשת בשלח, ווערט אָנגערופן "שבת שירה"[טז].

**עס** ווערט געברענגט אין ספר "רמתים צופים", אַז הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע האָט געפרעגט הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע, פאַרוואָס ווערט דער שבת אָנגעגערופן "שבת שירה"[יז] (עס ווערט שוין גערופן אַזוי אין די פוסקים), און שבת פרשת בא, ווערט נישט אָנגערופן

איז אָבער ווייטער געווען פאַרנומען מיט'ן לייענען די צייטונג... פלוצלינג האָט ער געעפענט די טיר פון זיין קאַר, און איז אַרויסגעלאָפן פון קאַר, און זיך גענומען שרייען אויף אַלע ארומיגע דרייווערס, נו, הערט שוין אויף צו פייפן. וואָס פייפט איר צענדליגער מאָל... איך האָב אייך שוין געהערט ביים ערשטן מאָל פייפן... האָבן זיי איהם אָנגעשריגן: וואָס האָבן מיר פון דעם וואָס דו האָסט געהערט אונזער פייפן? מיר פייפן דאָך כדי דו זאָלסט זיך רירן פון אָרט. ריר זיך אַוועק, וועלן מיר שווייגן...

דער נמשל וואָס רבי שלום שוואַדראָן האָט געוואָלט אַרויסברענגען פאַר די צוויי בחורים איז געווען, אַז אַלע דברי מוסר און התעוררות האָבן נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין, אַזוי ווי דער ציל אַז דער וואָס הערט עס זאָל זיך 'רירן' פון אָרט...

אַ איד האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם הייליגן טריסקער מגיד זי"ע, אַז ער פלאָגט זיך זייער מיט פרנסה. ער וויל אַלזאָ פאָרן קיין אַמעריקע, און ער בעט דעריבער אַ ברכה פונעם מגיד. ער האָפט - האָט ער געזאָגט - אַז אין אַמעריקע, וועט ער קענען מאַכן פרנסה בכבוד. דער טריסקער מגיד האָט איהם אָבער נישט געוואָלט געזעגענען און געבן רשות צו פאָרן קיין אַמעריקע - אויך נאָך זיינע פילע בקשות און הפצרות.

איינמאָל האָט ער געזאָגט צום מגיד: 'אין אַמעריקע, זענען דאָך אויך דאָ תלמידי חכמים און לומדי תורה. פאַרוואָס לאָזט מיך דער רבי נישט פאָרן אַהין?'.

האָט דער טריסקער מגיד איהם געענטפערט מיט אַ משל: אַ תלמיד חכם און אַן עם הארץ, זענען איינגעשטאַנען אין זעלבן גאַסט-הויז. דער תלמיד חכם האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליין סידור'ל, און דער עם הארץ האָט געהאַט אין האַנט אַ דיקן סידור, וואָס איז געווען פול מיט הקדמות און ביאורים פון ראשונים און אחרונים אויף דעם סדר התפילה. האָט דער תלמיד חכם געבעטן דעם עם הארץ, ער זאָל זיך טוישן מיט איהם, אַזוי וועט זיין לייכטער פאַר ביידע. 'איך וועל קענען געניסן פון די מפרשים וואָס טייטשן די ווערטער פון סידור, און פון דער אַנדערער זייט וועסטו פאַרדינען, אַז דו וועסט נישט דאַרפן האַלטן אין האַנט אַזאַ שווערן סידור'. דער עם הארץ האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו טוישן מיט איהם, זאָגנדיג, אַז פאַר איהם איז בעסער צו האַלטן דעם גרויסן סידור, און אויך אויב עס וועלן זיך אָפּרייסן עטליכע בלעטלעך, וועלן דאָך נאָך אַלץ איבערבלייבן די בלעטער ווי זיי זענען געדרוקט אין 'אדון עולם'. מה שאין כן אין אַ קליינעם סידור, וואָס אויב עס וועט זיך נאָר אָפּרייסן אַפילו איין בלעטל, וועט באַלד אַרויספאַלן דער גאַנצער 'אדון עולם'...

דער טריסקער מגיד האָט אויסגעפירט דעם משל: אַזוי לאַנג ווי דו וואוינסט אין אַן אָרט וואו עס איז דאָ תורה און עבודה, ביזטו אַזוי ווי יענער דיקער סידור, וואָס אויב דו וועסט חלילה פאַלן פון דיין מדריגה, וועסטו נאָך אַלץ בלייבן ביי די אמונה. דיין 'אדון עולם' וועט בלייבן גאַנץ... אָבער אויב דו וועסט פאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך מורא אַז מיט איין 'ריס' וועסטו חלילה פאַרלירן דיין גאַנצן 'אדון עולם'. דיין אמונה וועט אינגאַנצן צוגרונד גיין ח"ו, וויבאַלד דו וועסט נישט האָבן אַ גוטע סביבה, וואָס זאָל דיך היטן...

דאָס זעלבע קענען מיר זאָגן לענינינו, אויב די 'סביבה' ארום און ארום, איז חלילה נישט ערליך, איז דער גאַנצער 'אדון עולם' פון דעם טאַטן און זיינע קינדער, אין אַ סכנה פאַרלוירן צו גיין ח"ו.

**טז.** עס איז דער מנהג (או"ח סימן שכ"ד, עיי"ש במג"א סק"ז) אז מ'טוט וואַרפן מזונות פאַר די עופות אין שבת שירה.

מ'קען זאָגן אַ רמז אין דעם, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות נג:) "כנסת ישראל נמשלה ליונה", אידן זענען צוגעגליכן צו אַ טויב. דערפאַר וואַרפט מען מזונות פאַר די "פייגל", מרמז צו זיין אַז דער גאַנצער "מן" - די מזונות -

"שבת פסח", אָדער "שבת יציאת מצרים", און אויך שבת פרשת יתרו, ווערט נישט אָנגערופן "שבת קבלת התורה"? אא"וו"ה. קומט דאָך אויס אַז אין דער תורה אליין "שרייט" זיך אויס אַז דעם שבת איז אַן אַנדערער מצב, אַן אַנדערער שבת.

**האָט** דער "חידושי הרי"ם" געענטפערט, די שירה איז דאָך געשריבן אין דער תורה "אריח על גבי לבינה", אזוי ווי מען שטעלט אויס ציגל איינס איבער צוויי, אזוי אויך איז איין ווארט געשריבן איבער צוויי

**דער** חידושי הרי"ם האָט עס מסביר געווען, ישרא"ל איז ראשי תיבות י'ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה. יעדער איד האָט אַן אות אין די ספר תורה. דער טינט איז די נשמה, און דער קלף איז דער גוף.

---

קומט פון דעם אויבערשטען, און דורך מאַכן אַ "פועל דמיוני", זענען מיר מעורר אַז דער אויבערשטער זאָל אונז געבן פרנסה.

דער "ישמח ישראל" (סוף פ' בשלח) פאַרענטפערט די קשיא פון "מגן אברהם" (סי' שכ"ד) פאַרוואָס מען געבט מזונות שבת שירה פאַר די עופות, מיר זענען דאָך נישט מחויב צו שפייזן די עופות? ענטפערט דער "ישמח ישראל", אַ בהמה אַרבעט שווער פאַר איר בעל הבית, ממילא קען זי טראַכטן ביי זיך, איך האָב געאַרבעט שווער פאַר מיין עסן, און דערפאַר גיט מיר דער בעל הבית צו עסן. אַ פויגל אַרבעט דאָך אָבער נישט פאַר זיין פרנסה, ער פליט אַרום, און קומט צוריק צו זיין נעסט. ממילא, אויב דער פויגל באַקומט שפייז, ווייסט ער אַז ער האָט נישט באַקומען די שפייז אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געאַרבעט, ווייל ער האָט דאָך נישט געאַרבעט דערפאַר. דאָס זעלבע דאַרף דער מענטש וויסן, אַז ער באַקומט מזונות ווייל דער אויבערשטער גיט איהם. ער אַרבעט נאַר, ווייל עס איז דאָ אַ גזירה פון "בזיעת אפיך תאכל לחם", אָבער באמת "שהכל נהיה בדברו" - ער עסט נאַר ווייל דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן שפייז צו עסן.

עס האָט דערציילט אַ בעל הבית'ישער איד וואָס איז אַרויפגעקומען פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל, אַז אין די תקופה פון קאָמוניזם, איז ער אין אַ געוויסן פרימאָרגן, געגאַנגען מיט אַ קעסטל בריליאַנטן אין די דיאַמאַנטן בערזע, וואו ער האָט זיך אָפגעשמועסט מיט קונים אויף אַכט אַזייגער אינדערפרי.

גייענדיג אויפ'ן וועג, האָט אַ איד וואָס האָט יענעם טאָג געהאַט 'יאָרצייט' נאָך איינע פון זיינע עלטערן, איהם געבעטן ער זאָל אַריינקומען צום דאווענען, און "משלים" זיין אַלס אַ "צענטער" צום מנין ביי תפלת שחרית. איז דער איד אַריינגעגאַנגען, אָבער זעהענדיג אַז ער איז דער צווייטער מענטש צום מנין, האָט ער געוואָלט אַרויסלויפן פון שול, און גיין צו די בערזע. דער חיוב האָט איהם אָבער שטאַרק געבעטן, ער זאָל צוואַרטן אַביסל, ווייל די אַנדערע אידן דאַרפן באַלד אָנקומען. אַלזאָ, ווען ס'איז שוין געווען דער מנין, הערט דער סוחר ווי דער בעל היאָרצייט הייבט גאַר אָן צו זאָגן "ידיד נפש"... איז איהם ווידער געוואָרן נישט גוט אויפ'ן האַרצן... ער ווייסט דאָ דאַרפן וואַרטן ביז מ'וועט ענדיגן דאָס גאַנצע דאַווענען, אָבער דער איד האָט איהם שטאַרק געבעטן ער זאָל בלייבן און משלים זיין צום מנין.

אַלזאָ, ער איז אָנגעקומען אין די בערזע מיט אַ גרויסע פאַרשפעטיגונג. דאָרט, איז ער געוואויר געוואָרן וואָס פאַר אַ נס עס האָט פאַסירט מיט דעם דורך זיין פאַרשפעטיגונג, ווייל די קאָמוניסטן זענען געקומען אין דער בערזע, און האָבן קאָנפיסקירט יעדן איינעמ'ס פאַרמעגן... אויב ער וואָלט דאָרט געווען בשעת מעשה, וואָלט ער שאָדן געהאַט זיין גאַנצן פאַרמעגן! אַזוי, איז דער איד געקומען קיין ארץ ישראל אַלס אַ גביר.

**יז.** דער ערשטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל, האָט געזאָגט אַז וועגן דעם הייסט דער שבת, "שבת שירה", ווייל אין דער פרשה לייענען מיר וועגן אַזוי פיל געוואַלדיגע ניסים: א) קריאת ים סוף. ב) פרשת המן. ג) משה האָט אַרויסגעצויגן וואַסער פון דעם שטיין. ד) מלחמת עמלק. עס איז דאָך אַ פרשה בלויז פון ניסים, איז דען אַ וואונדער אַז עס רופט זיך "שבת שירה"?!

**יח.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל אמרי אמת זצ"ל, האָט געזאָגט אַ רמז אויף דעם וואָס די שירה איז געשריבן געוואָרן "אריח על גבי לבינה" די חלק איז טאָפּעלט פון די כתב, אונז צו לערנען, אַז "יותר ממה שכתוב לפניכם כתוב כאן". אויב מען מיינט אַז דאָ האָט זיך געשפּאָלטן דער ים, זאָל מען וויסן אַז דער "חלק" - דאָס וואָס עס שטייט נישט אַרויסגעשריבן - איז אַ סאַך מער ווי דאָס וואָס ס'איז יאָ אַרויסגעשריבן אין פסוק.

אין פרשת בשלח, וואו דער קלף איז אנדערש ווי דער טינט, איז עס מרמז אז יעדער אידישער גוף ווערט אנדערש אין שבת שירה.

**דער** "רמתים צופים" לייגט צו: איך האב געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי דער "חידושי הרי"ם" זצ"ל האט געטאנצען און געשפרינגען שבת שירה ביי קבלת שבת, וואס מ'האט נישט געזעהן ביי איהם אזא עבודה אין קיין אנדערן זמן דורכ'ן יאר, און ער האט געשריגן "שבת שירה, איז א שבת וואס יעדער גוף קען ווערן אנדערש".

**חז"ל** זאגן בנוגע די שווערסטע זאכן, ווי "קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף", "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", "קשין נקביו של אדם כקריעת ים סוף". יעדע זאך וואס די גמרא וויל ארויסברענגען די שוועריגקייט דערפון, זאגט די גמרא אז עס איז אזוי ווי קריעת ים סוף.

**זאגט** דער רשב"ם, "ונפקא מינה לאפושי ברחמי". עס איז א נפקא מינה, אז מען זאל מתפלל זיין דערויף. עס איז נישט פשוט, מזונות, א זיווג, מען דארף בעטן דערויף. על אחת כמה וכמה ווען עס קומט שבת שירה, ווען אלעם איז "געשפאלטן", מען דארף נאר אריינשפרינגען אינעם מצב, ווי דער מהר"ל זאגט א כוונה אין דעם וואס די שירה שטייט געשריבן "אריח על גבי לבינה". אן אריח איז א האלבע לבינה. דער כתב איז דער אריח, און דער ליידיגער טייל, דער חלל, איז דאפעלט פונעם געשריבענעם.

**זאגט** דער מהר"ל א מורא'דיג ווארט. פרשת ויחי איז א פרשה סתומה, און רש"י זאגט (בראשית מז, כח) "למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד". עס איז נישטא קיין הפסק צווישן פרשת ויגש און פרשת ויחי, צוליב די צרה פון שעבוד מצרים.

**קומט** אויס, אז דא ביי די שירה, וואו עס זענען דא אזוי פיל הפסקות צווישן די אותיות אינעם כתב ("אריח על גבי לבינה"), איז עס א רמז ווי מ'קען פטור ווערן פון אלע צרות און שעבודים אין דער וואך ווען מ'לייענט די שירה[יט].

**דער** הייליגער שר שלום זי"ע פון בעלזא האט געזאגט אויף די ווערטער פון חז"ל, אז אלע וואסערן אין דער וועלט זענען געשפאלטן געווארן אין דער צייט ווען דער ים סוף האט זיך געשפאלטן. פרעגט דער שר שלום, פארוואס האט אויסגעפעלט אזא נס, אז אלע וואסערן איבער דער גארער וועלט זאלן זיך שפאלטן? מיר ווייסן דאך, "לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למיגנא", דער אויבערשטער מאכט נישט א נס אומזיסט, וואס איז געווען דער תכלית דערפון?

**ענטפערט** דער בעלזער רב זי"ע, אז דאס ווארט "מים" איז מרמז אויף צרות און יסורים וואס דער מענטש ליידט ח"ו, ווי דער פסוק זאגט (תהלים סט, ב) "הושיעני אלקים כי באו מים עד נפש". דאס איז דער רמז אז ביי קריעת ים סוף זענען געשפאלטן געווארן "כל מימות שבעולם" - אלע "וואסערן" אין די וועלט, פון יעצט און ווייטער ווערן "געשפאלטן" אלע צרות אויף די וועלט, ווען אידישע קינדער לייענען די שירה אין יעדן דור, ווערן נשפע די נסים פונדאסניי, בפרט די זאכן וואס זענען צוגעגליכן געווארן צו קריעת ים סוף, ווי דער זיווג פון מענטש (סוטה ב.) און פרנסה און אנדערע זאכן (פסחים קיח.). אלע פראבלעמען ווערן דעמאלס "געשפאלטן"[כ].

---

**יט.** הרה"ק בעל "אמרי חיים" זצ"ל האט געזאגט, וועגן דעם וואס מענטשן ווינטשן זיך כסדר אז אלעס זאל צוגיין "כשורה", אז דאס איז מרמז "כשירה", אזוי ווי די שירה, וואס איז געווען "אריח על גבי לבינה", וואס איז מרמז אז מען קען ארויסגיין פון יעדן פראבלעם.

**כ.** מיר האבן געהערט פון הרה"ח ר' נתנאל ראדזינער ז"ל, אז זייענדיג אן עלטערער בחור נאך די מלחמה, האט ער אמאל געזאגט צום גאון בעל "חזון איש" זי"ע, אז ער האט איין "קשיא", וואס איז אזוי שווער ווי קריעת ים סוף... די "קשיא" פון "קשה לזווגן כקריעת ים סוף" (סוטה ב.). האט דער "חזון איש" איהם געענטפערט:

- צום סוף האט דאך דער אויבערשטער געשפאלטן דעם ים... ממילא קענסטו זיין רואיג, אז אויך דיין "קשיא" וועט פארענטפערט ווערן, ווען דו וועסט בקרוב טוהן א פיינעם שידוך...

וכן הוה, ביז א קורצע צייט, האט ר' נתנאל ראדזינער געווארן א חתן בשעה טובה ומוצלחת.

**עס** שטייט אין ספה"ק "אמרי יוסף" (פרשת יתרו, עה"פ "והר סיני עשן כולו" וגו') "קבלתי מרבותי" - איך האָב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס (זיין כוונה איז צו זיין רבי'ן, הרה"ק רבי אייזיקל זידיטשויב'ער זי"ע), עס איז ידוע פון ספר יצירה, עס איז דאָ עולם, שנה, נפש.

**עולם** - דאָס אָרט וואו דער ים איז געשפּאָלטן געוואָרן. זאָגט די משנה (ברכות נד.) אויב אַ מענטש זעהט דעם ים סוף, דאַרף ער דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די ניסים וואָס ער האָט געטוהן מיט אונזערע אבות אויף דעם אָרט. דאָרט דאַרף מען דאנקן, ווייל דאָרט איז פאָרגעקומען דער נס, און עס ווערט נתעורר נאָך אַמאָל דער נס.

**שנה** - דער זמן ווען מ'זאָגט די שירה. שביעי של פסח, איז דאָ די בחינה פון קריעת ים סוף, אַזוי ווי ס'איז דעמאָלס געווען.

**נפש** - ווען מ'לייענט די שירה אין די תורה, שבת פרשת בשלח.

**זאָגט** רבי אייזיקל זידיטשויבער, אַז ווען מ'לייענט די שירה שבת פרשת בשלח, ווערט נתעורר דער נס פון קריעת ים סוף, אַ סאַך מער ווי שביעי של פסח, ווייל "נפש" איז העכער פון "שנה".

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זי"ע זאָגט (מובא בס' "נהר שלום", ליקוטים בסוף הספר) "אז ישיר משה" - "אז" איז אותיות א', ז'. דורכ'ן יאָר, זענען דאָ צוויי זמנים וואָס משה רבינו, אהרן, מרים און דער גאַנצער דור דעה, גייען אַרויס פון גן עדן, און קומען אַראָפּ אויף דער וועלט. דאָס איז מרומז אין וואָרט "אז": אל"ף - פון לשון לימוד, ווי דער פסוק זאָגט (איוב לג, לג) "ואאלפך חכמה" - ווען מ'לערנט די שירה, אין פרשת בשלח. און זיי"ן, דאָס איז מרמז אויף שביעי של פסח, ווען מ'לייענט די שירה, דאַן "ישיר משה ובני ישראל", קומען משה, אהרן ומרים, און דער גאַנצער דור דעה, אַראָפּ אויף דער וועלט, צו זאָגן די שירה צוזאַמען מיט אידישע קינדער.

**מיט** דעם האָט דער רבי פון לובלין זי"ע געטייטשט די משנה (שבת נא:) "וכל בעלי השיר יוצאים בשיר", די "בעלי השיר" משה, אהרן, און מרים, און דער דור דעה פון די יוצאי מצרים, וואָס האָבן דעמאָלטס געזאָגט די שירה, "יוצאין בשיר", גייען אַרויס פון גן עדן, צו זאָגן שירה יעדעס יאָר ווען אידישע קינדער זאָגן שירה. "ונמשכים בשיר", און זיי ווערן נמשך אויף דעם עולם, דורך די שירה. "ומזין עליהן" - און זיי זענען ממשיך השפעות טובות אויף אַלע אידן, "וטובלין", און דערנאָך, טובל'ען זיי זיך אינעם טייך 'דינור' (ווי עס איז ידוע, אַז ווען די נשמה פון אַ צדיק קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, טובל'ט מען די נשמה אין טייך "דינור", איידער זי גייט שפּעטער צוריק אַרויף צו איר מקום מנוחה אין גן עדן העליון) "במקומן" - און שפּעטער, קערן זיי זיך אום צו זייער פּלאַץ אין גן עדן העליון[כא]!

---

**כא.** דער 'חרדים' שרייבט (פרק עג), אַז פונקט אַזוי ווי ביי גשמיות'דיגע רפואות פונעם גוף זענען דאָ מעדיצינען וואָס קאָסטן זייער טייער און זענען גורם יסורים ח"ו וואָס עס טוט וויי פאַר דעם פּאַצעינט ח"ו, און פון דער צווייטער זייט זענען דאָ מעדיצינען וואָס קאָסטן נישט טייער און היילן די קראַנקהייט אָן שום ווייטאָג, אַזוי איז ביי די ענינים פון תיקונים פאַר די עבירות וואָס מ'האָט געזינדיגט ח"ו. עס זענען דאָ תיקונים אַזוי ווי תעניתים און סיגופים, וואָס פייניגן דעם גוף און רייניגן תשובה צו טוהן און זיין ריין אַזוי ווי פריער. פון דער אַנדערער זייט זענען דאָ 'סגוליות'דיגע' זאַכן וואָס יעדער איינער וואָס טוט עס, איז זוכה צו כפרת עוונות. און דער 'חרדים' רעכנט אויס די מצוות וואָס זענען מסוגל צו כפרת עוונות, און איינע פון זיי איז צו זאָגן 'שירת הים' פריילעכערהייט, גלייך ווי ער וואָלט יעצט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און דורך דעם איז דער מענטש זוכה צו כפרת עוונות.

אַזוי ברענגט דער 'משנה ברורה' (סי' נא, סקי"ז) אין נאָמען פון זוהר הקדוש, אַז מ'דאַרף זאָגן שירת הים מיט שמחה, און מ'זאָל זיך פאָרשטעלן ווי יענעם טאָג איז מען אַריבערגעגאַנגען דעם ים, און דער וואָס זאָגט די שירה בשמחה, איז מען מוחל זיינע עבירות.

מ'דערציילט אַז די תלמידים פון הייליגן רבי'ן רבי שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג האָבן געשפּירט אַזאַ דערהויבנקייט ווען דער רבי ר' שמעלקא האָט געזאָגט די שירה, אַז זיי האָבן געשפּירט ממש ווי זיי גייען יעצט אַריבער דעם ים סוף, און זיי האָבן אויפגעהויבן די 'פּאָלעס' פון זייערע בגדים אַז זיי זאָלן נישט נאַס ווערן פונעם וואַסער וואָס איז

**חמשה עשר בשבט - עס קומען אַראָפּ אַלע ברכות אויף דער וועלט**

**די** משנה זאָגט (ר"ה ב.) אַז חמשה עשר בשבט איז ראש השנה פאַר די ביימער.

**און** כאָטש אין פשוט'ן פשט, גייט עס אַרויף אויף די ביימער פון פעלד (און די נפקא מינה איז לגבי מעשר און ערלה), אָבער די ספרים הקדושים שרייבן, אַז דאָס אַ רמז אויך אויפ'ן מענטש, וואָס ער איז געגליכנט צו אַ פעלד - 'כי האדם עץ השדה'.

**מיר** געפינען טאַקע להלכה, אַז עס איז אַ טאָג ווען מ'פאַרמערט צו זיין פרייליך[כב], ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' קלא, ס"ו) אַז מ'זאָגט

---

**דאָ אין ים...** (דער באָבוב'ער רב, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זי"ע הי"ד, האָט צוגעלייגט בדרך צחות, אַז ס'איז נאָר אַ וואונדער אַז אין אַזאַ געהויבענעם זמן, האָבן זיי אַפילו געטראַכט וועגן זייערע בגדים...).

נישט בלויז פאַר מחילת עוונות איז די שירת היום מסוגל, נאָר אויך פאַר יעדע סאָרט ישועה, ווי עס שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן': אין שירת הים איז דאָ אַלעס, אַלעס וואָס ס'איז געווען, און וואָס ס'וועט זיין. אַלע גאולות און ענינים וואָס דער מענטש דאַרף האָבן, אַלעס איז אַריינגערעכנט אין די שירת הים. און אויב דער מענטש וועט זאָגן שירת הים מיט'ן גאַנצן האַרץ און מיט מסירות נפש, יעדער איינער לויט זיין מדריגה, וועלן אַלע זיינע ענינים האָבן אַ תיקון בגוף ובנפש.

**כב.** חמשה עשר בשבט, האָט הרה"ק ר' דוד'ל בידערמאַן זי"ע, אדמו"ר מלעלוב אין ירושלים, 'געפלאַקערט' ביים טיש. ער פלעגט זאָגן, עס איז דאָך דער 'יום טוב פון ארץ ישראל'.

זיין אייניקל, אאַ"ז הרה"ק רבי משה מרדכי זי"ע, האָט געזאָגט, אַז מ'האָט ביים זיידן נישט געזעהן במשך פון גאַנצן יאָר, אַזאַ התלהבות ווי מ'האָט געזעהן ביים טיש חמשה עשר בשבט, און ער פלעגט איבער'חזר'ן מערערע מאָל, אַז עס איז 'אַן ארץ ישראל-דיגער יום טוב'.

אין יאָר תרע"ו, האָט זיך פאַרשפרייט די טיפוס קראַנקהייט רח"ל אין ירושלים. די דאָזיגע קראַנקהייט האָט זייער אָפּגעשוואַכט דעם מענטש ביז ער איז געשטאָרבן רח"ל, און נישט נאָר דאָס, נאָר די מחלה האָט אָנגעשטעקט יעדן וואָס איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט'ן חולה.

יענעם יאָר, אין דעם טאָג פון חמשה עשר בשבט, איז הרה"ק רבי דוד'ל הנ"ל געזעסן מיט אַ פייערדיגע פריילעכקייט, ווען אויפ'ן טיש זענען געלעגן אַסאַך פרוכט פון די בעסטע פירות אין ארץ ישראל, נאָר עס זענען כמעט נישט געווען קיין מענטשן ביים טיש, וויבאַלד די קראַנקהייט האָט געבושעוועט רח"ל אין שטאָט. אינמיטן טיש, איז אַ יונגל אַריינגעקומען מיט אַ 'געוואַלד', אַז ביידע, זיין טאַטע און זיין מאַמע, זענען ליידער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם ביטערן טיפוס און זיי ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד אין הויז, און ס'איז נישט דאָ ווער עס זאָל זיך אָפּגעבן מיט זיי און מתפלל זיין פאַר זיי. האָט רבי דוד'ל זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט מיט אַ 'שטורעם', און זיך צעשריגן:

- הייליגער באַשעפער! צי דען קען מען פאַרשטערן מיין שמחה אין דעם טאָג?!

דאַן האָט הרה"ק רבי דוד'ל זיך געוואָנדן צום קינד און איהם געגעבן אַ פרוכט פון די פירות וואָס זענען געלעגן אויפ'ן טיש, און ער האָט איהם באַפוילן ער זאָל עס געבן פאַר זיין טאַטן, און זאָגן אַז דער רבי האָט באַפוילן ער זאָל עסן דעם פרוכט, און ער זאָל זאָגן פאַר זיין טאַטע-מאַמע אין זיין נאָמען, אַז זיי וועלן נאָך זוכה זיין צו זעהן פון איהם 'פירות' און 'פירות-פירותיהן'... אַזוי איז טאַקע געווען, ביידע זענען געזונט געוואָרן בעזהי"ת, און האָבן זוכה געווען צו זעהן קינדער און אייניקלעך ביי דעם זון.

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט געזאָגט אויף די פסוקים אין דער היינטיגער פרשה (טו, כג-כה), וואָס איז אייביג נאָענט צו ט"ו בשבט: 'ויבואו מרתה... ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם'. אין די ווינטער-חדשים איז דאָ אַ געוויסע 'ביטערניש', ווייל עס זענען דאַן נישט דאָ ימים טובים, 'חגים ומועדים לששון'. דעריבער 'ויורהו ה' עץ' - דער אויבערשטער האָט געוויזן פאַר אידישע קינדער, צו פראַוון דעם יום טוב פון די ביימער, 'וימתקו המים' - און מיט דעם וועלן זייערע טעג ווערן זיס.

צדיקים האָבן געזאָגט (אַזוי ווערט געברענגט אין נאָמען פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע) אַז חמשה עשר בשבט איז אַ ספּעציעלער טאָג, ווייל פון דעם טאָג ביז שבועות, איז דאָ יעדע צוויי וואָכן אַ יום טוב. נאָך ט"ו בשבט קומט ראש חודש אדר. דערנאָך קומט פורים, ראש חודש ניסן, פסח, ראש חודש אייר, ל"ג בעומר, און דערנאָך, ראש חודש סיון און דער יום טוב שבועות.

נישט 'תחנון' אין דעם טאָג פון חמשה עשר בשבט, און אפילו אַ חתן ביום חופתו, דאַרף נישט פאַסטן אין חמשה עשר בשבט (רמ"א סי' תקע"ג ס"א, ובמ"ב סק"ז).

**דער** 'חתם סופר' זי"ע ערקלערט (דרשות, שסז.), אַז דער טאָג פון חמשה עשר בשבט איז טאקע ראש השנה פאַר די ביימער, פונדעסטוועגן איז עס אַ טאָג פון שמחה און אַ יום טוב, ווייל עס איז אַזוי ווי דער טאָג ווען מ'קרוינט אַ קעניג, ווייל דעמאָלס קומט צוריק דער אָנהייב פון דער בריאה, וואָס די ביימער האָבן געשפראָצט דאָס ערשטע מאָל ביי בריאת העולם, און עס איז אַזוי ווי אַ טאָג פון "גינוסיא" -פייערונגען- ביי די קעניגן (ווי די גמרא זאָגט אין מס' עבודה זרה, אַז מ'פלעגט יעדן יאָר פראַווען אַ טאָג פון פייערונגען אין דעם טאָג ווען מ'האָט געקרוינט דעם קעניג).

**די** כוונה פון די ווערטער פונעם 'חתם סופר' איז, אַז נאָך דעם ווי חז"ל האָבן באַשטימט דעם טאָג פון חמשה עשר בשבט אַלס 'ראש השנה לאילן', מאַכן מיר אין דעם טאָג יעדן יאָר אַ זכר צו דעם טאָג ווען די ביימער האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן דאָס ערשטע מאָל נאָך דעם ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און מיט דעם ווייזן מיר אַרויס אונזער שטאַרקע אמונה אין בריאת העולם דורך דעם אויבערשטען, און מיר גיבן איהם דאַן אַ 'כתר מלוכה'.

**ווי** ברייט די שערי ברכה ווערן געעפענט אין דעם טאָג, משפיע צו זיין אַסאַך ברכות און שפע אין אַלע סאַרט "פרוכטן", ברוחניות ובגשמיות, קען מען זעהן פון די ווערטער פון 'תרגום שני' (אסתר ג) אַז ווען המן הרשע האָט געוואָרפן גורל פון איין חודש צום אַנדערן זוכענדיג אַ חודש וואָס איז אָנגעגרייט פאַר פורענות ח"ו, און דער גורל איז געפאַלן אויף חודש שבט, האָט ער געזאָגט, 'אָבער ראש חודש שבט, איז דאָך ראש השנה פאַר די ביימער (לויט שיטת בית שמאי), און ממילא, וועל איך נישט דעמאָלס קענען פאַרטיליגן די אידן אין דעם חודש.

**שרייבט** אויף דעם, דער גאון רבי דוד זכות זצ"ל אב"ד מודינה, אין ספר 'זכר דוד', אַז כאָטש מיר נעמען נישט אָן אַזוי ווי די שיטה פון בית שמאי, אַז ראש חודש שבט איז 'ראש השנה לאילנות', נאָר ערשט אין פופצענטן טאָג פון חודש, פונדעסטוועגן זעהט מען, אַז דער טאָג פון 'ראש השנה לאילן' איז זייער מסוגל צוריקצוהאַלטן יעדע פורענות און יעדע שלעכטע זאַך פון אידישע קינדער.

**דער** היילגער אַפּטער רב זי"ע שרייבט ('אוהב ישראל', בשלח, ד"ה 'עוד נראה לי טעם אחר'), אַז פון חמשה עשר בשבט פאַנגען זיך אָן די ימי הרצון והרחמים, אַז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן דורך משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

**גאָר** שטאַרק איז די סגולה אין דעם טאָג, געהאָלפן צו ווערן מיט 'פירות', וואָס דאָס זענען קינדער, סיי זוכה צו זיין צו קינדער, און סיי צו קינדער צדיקים און 'געראָטענע פירות', ווי דער 'עטרת ישועה' זי"ע זאָגט אַ רמז (לט"ו בשבט, ד"ה 'בפסוק') אויפ'ן פסוק (תהלים א, ג) 'והיה כעת שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו', לויט ווי רב האי גאון ז"ל שרייבט (שימוש תהילים, מזמור א') אַז דאָס ערשטע קאַפּיטל פון ספר תהילים איז מסוגל צו זאָגן פאַר אַ פרוי וואָס עס האַלטן זיך נישט אירע קינדער ר"ל, ווייל דאָרט שטייט עס געשריבן 'אשר פריו יתן בעתו'.

**זאָגט** דער 'עטרת ישועה', דער מזל פון חודש שבט איז 'דלי', וואָס איז מרמז אויף וואַסער, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כד, ז) 'יזל מים מדליו'. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'והיה כעת שתול על פלגי מים' - אויב

---

הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זי"ע פון שטעפינעשט, האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (תענית כט.) 'משנכנס אדר מרבין בשמחה'. ווען עס קומט אַריין דער חודש אדר, דאַרף מען פאַרמערן צו זיין פריילך. וויבאַלד די גמרא זאָגט 'מרבים', איז משמע, אַז פריער דאַרף מען שוין אויך זיין פריילך, נאָר אין חודש אדר איז מען 'מער' פריילך. נו ווען איז די צייט ווען עס 'פאַנגט זיך אָן' די שמחה?

זאָגט דער שטעפינעשטער, אַז פון חמשה עשר בשבט דאַרף מען שוין אַריינגיין אין די שמחה, ווי די גמרא זאָגט (פסחים ו:) 'שואלין ודורשין בהלכות החג שלושים יום קודם החג'. ממילא, איז דאָך ט"ו שבט דרייסיג טעג פאַר דעם יום טוב פורים. נאָך מער, 'חמשה עשר' האָט די זעלבע אותיות (איבערגעדרייט) ווי 'שער שמחה', ווייל אין דעם טאָג קומט מען אַריין אין די שערי שמחה.

מ'זאָל צעטיילן (פלגי') דעם חודש שבט, וואָס איז מרמז אויף אַ 'דלי' פון וואַסער, וועט מען טרעפן פונקט אינמיטן דעם חודש, דעם פופצענטן טאָג, און אין דעם טאָג - 'אשר פריו יתן בעתו', האָט דער זמן די סגולה אַז די פירות פון גוטע השפעות זאָלן נשפע ווערן[כג], אמן.

**כי גדול היום לאדונינו - אויסניצן דעם טאָג צו מתפלל זיין**

**דער** 'מרדכי' שרייבט (ר"ה, אות תש"א) בזה הלשון: און דאָס וואָס דו האָסט געפרעגט, אַ ציבור וואָס האָט געוואָלט אויסרופן אַ תענית מאָנטאָג, דאָנערשטאָג און מאָנטאָג (בה"ב), און עס איז אויסגעקומען אין דעם טאָג פון ט"ו בשבט, צי דאַרף מען חושש זיין אַז עס הייסט 'ראש השנה' און מ'זאָל אָפּלייגן דעם תענית, אָדער נישט. איז מיין דעה נוטה צו זאָגן, אַז דער תענית ווערט אָפּגעשטופּט ביז דעם אַנדערן שבת, און מ'טוט נישט באַשטימען אין דעם טאָג אַ תענית, ווייל מיר געפינען נישט אַן ענין פון פאַסטן אין דעם טאָג פון ראש השנה[כד], עכ"ל.

**אזוי** שרייבט אויך דער 'טור ברקת' (להגה"ק רבי חיים הכהן זי"ע, אַ תלמיד פון הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע, סי' תקע"ב סק"ג), אין נאָמען פון זוהר הקדוש, אַז חמשה עשר בשבט ווערט אָנגערופן 'ראש השנה לאילנות', אין לשון רבים, און נישט 'לאילן' - לשון יחיד, מרמז צו זיין אַז עס איז ראש השנה פאַר יעדן איד, ווייל דער מענטש איז דאָך צוגעגליכן צו אַ בוים, ווי דער פסוק זאָגט 'כי האדם עץ השדה'[כה].

---

**כג.** דער ווזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ סגולה פאַר פקידת עקרות, צו עסן פונעם אתרוג.

**כד.** עס ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, אויף דעם וואָס חמשה עשר בשבט איז 'ראש השנה לאילן' (ר"ה ב.). דאָס איז דערפאַר ווייל דעמאָלס פאַנגען אָן די פרוכטן צו שפּראָצן אויף די ביימער, און ס'איז דאָ אַ חשש אַז דער אייגנטימער פונעם בוים וועט זיך באַרימען, 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', אַדאַנק מיין אַרבעט און מיין האָרעוואַניע, וואַקסן די פירות. צוליב דעם איז חמשה עשר בשבט באַשטימט געוואָרן אַלס 'ראש השנה' פאַר די ביימער, צו דערמאַנען די מענטשן וועגן 'ראש השנה', ווען 'כל באי עולם יעברון לפניו כבני מרון', און אַלעס ווערט דעמאָלס פאַרשריבן פון הימל. די אַרבעט פון מענטש איז נישט מער ווי בלויז אַ השתדלות, אָבער חלילה צו טראַכטן אַז די השתדלות ברענגט איהם די שפע.

פון דער צווייטער זייט, זאָגט מען פאַר דעם מענטש, חמשה עשר בשבט איז 'ראש השנה לאילן', אַז אין דער צייט ווען די פירות שפּראָצן, זאָל ער זיך נישט באַרימען צו זאָגן אַז דאָס איז געוואַקסן ווייל ער האָט געאַרבעט דערביי, נאָר ער זאָל געדענקען 'ראש השנה לאילן', אַז אַלעס וואָס די ביימער גייען אַריבער ווערט באַשטימט פון 'ראש השנה', שבועות, וואָס חז"ל זאָגן (ר"ה טז.) אַז אין יום טוב שבועות, ווערן גע'משפט די פירות פון בוים.

מ'קען צושטעלן דערצו די ווערטער פון הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (ספר הזכות, פ' שלח, בדיבור הראשון), אויף די ווערטער פון דער גמרא (שבת לא.) 'אמונת, זה סדר זרעים'. ברענגט דאָרט תוספות אין נאָמען פון ירושלמי, 'שמאמין בחי העולמים וזורע'. דאַרף מען פאַרשטיין, בפשטות זעהט אויס, אַז אדרבה, דער מענטש וואָס אַרבעט נישט אויף זיין פעלד, גלייבט אין דעם אויבערשטען מער ווי דער מענטש וואָס אַרבעט יאָ (ער אַרבעט דאָך נישט, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען).

ענטפערט דער 'חידושי הרי"ם', אַז דער מענטש וואָס אַרבעט פאַר פרנסה און פונדעסטוועגן גלייבט ער באמונה שלימה אַז נישט זיין אַרבעט און האָרעוואַניע ברענגט איהם די פרנסה, און אויך ווען ער טוט איינזייען די קערנדלעך אין דער ערד, גלייבט ער און ער ווייסט אַז נישט דאָס אַריינלייגן דאָס קערנדל אין דער ערד וועט העלפן אַז די תבואה זאָל שפּראָצן, נאָר ער גלייבט אין דעם באַשעפער אַז ער מאַכט שפּראָצן די קערנדלעך מיט זיין גרויס חסד. ער איז דער 'זן ומפרנס מקרני ראמים ועד ביצי כינים'. אויף דעם איז דער רמז, 'אמונת, זה סדר זרעים', אַז דייקא אין דער צייט פון די השתדלות און דאָס איינזייען די קערנדלעך, ווערט דער מענטש באַצייכנט אַלס אַ מאמין, ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, און נישט אויף זיינע אייגענע אַקטיוויטעטן.

**כה.** דער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע, האָט אַמאָל חמשה עשר בשבט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'אמת ליעקב', ח"א, ע' קמז), עס זענען געווען צדיקים וואָס האָבן זיך געפירט אָנצוטוהן ווייסע בגדים אין חמשה עשר בשבט, אַזוי ווי ראש השנה.

**ממילא,** דאַרף יעדער איינער זעהן אויסצונוצן דעם גרויסן טאָג, וואָס איז אַזוי ווי 'ראש השנה', דורך זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אונזער ליבן טאַטן אין הימל, ער זאָל אויף אונז באַנייען אַ 'שנה טובה ומתוקה'[כו], און אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו אַלע גוטע השפעות, עס זאָל זיין 'צילו נאה ופירותיו מתוקים'.

**אין** דעם טאָג איז אויך מסוגל צו זאָגן אַסאַך קאַפּיטלעך תהלים, מעורר רחמים צו זיין פאַר'ן באַשעפער[כז], און ווי ס'איז באַקאַנט דער געוואַלדיגער כוח פון תהילים, בטל צו מאַכן אַלע שווערע און שלעכטע גזירות, און משפיע זיין כל מילי דמיטב[כח].

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע זאָגט ('ליקוטי שושנה', ד"ה 'שירו'), אַז עס מאַכט זיך אַמאָל אַ גרויסער קיטרוג ח"ו אויף אַ מענטש וואָס אַפילו דער צדיק קען נישט מבטל זיין דעם שטאַרקן קיטרוג מיט זיין תפילה, און דאַן דאַרף מען אָנבינדן דעם מענטש אין דער גרויסער וועלט וואָס ווערט אָנגערופן 'תהלה'... דאָרט איז דאָ אַ גרויסע לעכטיגקייט, און מדת הדין קען דאָרט נישט מקטרג זיין. עס איז 'רחמים גמורים', און דאָרט ווערט אַלעס נמתק. וועגן דעם ווערן די געזאַנגען פון דוד המלך ע"ה אָנגערופן 'תהלים', ווייל מ'קען דורך זיי פועל'ן אַלעס (אין דער וועלט וואָס ווערט אָנגערופן 'תהלה'), 'ואין שטן ואין פגע רע', עכלה"ק.

**אויך** שרייבט דער 'בית אהרן' (חנוכה, ד"ה 'עוד אמר'), אַז דער מענטש דאַרף גלייבן, אַז מיט זאָגן תהלים קען מען אַרויסגיין 'מכל השטותים ומכל המיצרים ומכל השינויים שיש לאדם' - פון אַלע נאַרישקייטן, און פון אַלע ענגשאַפטן, און פון אַלע ענדערונגען וואָס דער מענטש האָט. און אויב די ווערטער פונעם 'בית אהרן' זענען געזאָגט געוואָרן אויפ'ן גאַנצן יאָר, איז דאָך אַוודאי געוויס אין דעם טאָג פון חמשה עשר בשבט, וואָס איז אין דער בחינה פון ראש השנה.

**דער** באַשעפער זאָל העלפן, עס זאָל מקוים ווערן ביי אונז דער פסוק אין דער היינטיגער פרשה, 'כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך'[כט], און עס זאָלן נתעורר ווערן אַלע ניסים פון קריעת ים סוף, און פון ירידת המן, און אונזערע פירות זאָלן זיין זיס, און מיר זאָלן אַלע צוזאַמען זוכה זיין געהאָלפן צו ווערן מיט די גאולת עולם במהרה דידן, אמן כן יהי רצון.

---

**כו.** הגה"ק מהר"ם חאגיז זי"ע שרייבט, אין 'טעמי המנהגים', בזה הלשון: איך וויל דיר לאָזן וויסן, אַז וויבאַלד דער מענטש איז צוגעגליכנט צו אַ בוים, האָב איך אויך איינגעפירט דאָס וואָס איך האָב געזעהן פון מיינע רבי'ס, און פון מיין רבי'ן דער מהר"ם גאַלאַנטי, אַז ער האָט זיך געפירט אין חמשה עשר בשבט צו פאַרמערן די ברכות אויף די פרוכטן פון בוים, און מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען אַז ער זאָל באַנייען אויף זיי און אויף אונז אַ גוט יאָר, עכ"ל.

**כז.** מ'זאָגט בדרך צחות, אַז דער וואָס ענדיגט גאַנץ ספר תהלים 'פון דעקל צו דעקל', איז ער זוכה צו ברענגען 'דקל לפירותיו' - אַ בוים פאַר זיינע פרוכט..., און ער איז זוכה צו גרויסע השפעות, ווי ס'איז מרומז אין די ווערטער פון חז"ל, אַז די פרוכט פונעם 'דקל' (בוים) זענען 'עבידי דאתי' - זיי קומען געוועגליך און וואַקסן...

**כח.** עס ווערט געברענגט אין 'קובץ מכתבים', אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע פון ליובאַוויטש (געדרוקט אין תהלים 'אהל יוסף יצחק'), אַז אויב מ'וואָלט געוואוסט וועגן דעם גרויסן כוח פון די פסוקים פון תהלים און די פעולה וואָס זיי טוהען אויף אין הימל, וואָלט מען כסדר געזאָגט תהלים. די קאַפּיטלעך פון תהלים זענען בכוח צו צעברעכן אַלע מחיצות און גייען אַרויף העכער און העכער, אָן קיין שטער, און זיי זענען זיך משתטח פאַר דעם באַשעפער, און טוהען ברענגען חסד און רחמים.

**כט.** דער גאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל (מחבר פון די ספרים 'להורות נתן' און 'נתן פריו', ועוד) האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל באַזוכט ביי אַ דאָקטאָר, און צו זיין גרויסן וואונדער, האָט ער געהערט דעם דאָקטאָר רעדן דברי תורה, און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער איז ממש אַ 'בקי נפלא'. האָט הרב געשטעטנער געפרעגט דעם דאָקטאָר, וואָס זענט איר, אַ 'רב', אָדער אַ 'דאָקטאָר'?... האָט דער דאָקטאָר איהם געענטפערט: 'אין דער פאַרגאַנגענהייט בין איך געוועזן אַ רב, אָבער זעהענדיג אַז קיינער פאָלגט נישט מיינע ווערטער, האָב איך פאַרלאָזט מיין פאָסטן און כ'האָב זיך געלערנט חכמת הרפואה, און אַלס 'דאָקטאָר' פאָלגט מיך יעדער...

לויט דעם, האָט הרב געשטעטנער געטייטשט בדרך צחות דעם פסוק, 'אם שמוע תשמע לקול ה' אלוקיך והישר בעיניו תעשה והאזנת למצוותיו ושמרת כל חוקיו, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך', איז כדאי דו זאָלסט פאָלגן מיין עצה, 'כי אני ה' רופאך', טוה איך דיר איינמעלדן, אַז דער דרך התורה והמצוות איז דער בעסטער 'מעדיצין'...